# שבת בלעטל

פרייטאג, יוני 22, 2012 — ערב-שבת פרשת קרח, תשע״ב ~ נומ. 10

**קאמענטאר** / די ״קאמף״ קעגן טעכנאלאגיע:

פון: אח-לצרה

## איטם תמימות, סטופּיד

אין די לעצטע חדשים ליגט אויפ׳ן חרדישן סדר-היום בעיקר איין נושא: דער אינטערנעט – וויאזוי זיך צו ספראוועון מיט דער סתירה וואס דער אינטערנעט איז צו דעם חרדישן לעבנסשטייגער. פאר דעם צוועק איז אפגעראכטן געווארן א מאסיווע צוזאמקום אין דעם ״סיטיפיעלד״ סטאדיום, וואו ארום פערציג טויזנט חרדישע אידן האבן געהערט איבער דער שעדליכקייט פון דעם אינטערנעט, און די פארלאנגען מצד די רבנים וויאזוי זיך ארויסצודרייען פון דעם פראבלעם.

די סיטיפיעלד אסיפה איז געווען היסטאריש אין איין זין: אז עס איז דאס ערשטע מאל וואס אזא סארט צוזאמקום איז געמאכט געווארן ביי אידן אין דער מאדערנער היסטאריע, צוזאמנעמענדיג צענדליגער טויזנטער אידן איבער אן אנגעבליכן פראבלעם, און מעורר זיין זיך צו ספראוועון דערמיט. געוואלדיגע כוחות זענען אריין אין אהערשטעלן די אסיפה. גאר א סך ענערגיע איז אינוועסטירט געווארן אז די הונדערטער רבנים פון אלע קרייזן פון דעם יהדות החרדית זאלן דאס שטיצן, און איבער דעם איז מיליאנען דאלארן אריינגעלייגט געווארן אין דער אסיפה זעלבסט און אין די גרויסע הכנות אויפצוטרייבן שטיצע ביים ציבור.

דער קאמפיין אין בעפארברייטונג צו דער אסיפה האט געוויזן ווי די עסקנים און רבנים שפירן אז די ערד ברענט אונטער זייערע פיס; זיי פאנגען אן צו כאפן אז זייער פארמאט פון אידישקייט קען אין א ליאדע סעקונדע אונטערגיין א דאנק דעם אינטערנעט. זיי האבן אנגעהויבן פארשטיין אז דער אינטערנעט איז נישט נאר א פראבלעם וויבאלד מען קען דערמיט זינדיגן, נאר עס איז עלול אונטערצוברענגען דעם עקזיסטענץ פון חרדיזם. זייער עצה דערצו: שטארק מינימיזירן דעם באנוץ פון אינטערנעט.

דער פראבלעם איז נאר אז הייניגע רבנים האבן נישט די פעאיגקייט פאר זעלבסט-רעפלעקסיע. זיי ווייסן נישט וויאזוי צו שטעלן א גרויסן שפיגל פארנט פון זייערע אויפפירונגען און קוקן מיט דעם בליק פון א פרעמדן אויף דאס וואס באווייזט זיך פארנט פון זיי. זיי קענען נאר איין זאך אידענטיפיצירן: פראבלעמען וועלכע קומען פון אינדרויסן.

די איינוואוינער פון א שטאט וואו מען האט קיינמאל נישט געלערנט וויאזוי זיכערערהייט אריבערגיין א גאס, וועלן אומקומען אין גרויסע פראצענטן דורך לויפנדע אויטאמאבילן גייענדיג צווישן די שטאטישע גאסן. א חרדישער רב אלס שטאטישער מעיאר וואלט געזאגט אז

המשך אויף זייט 2

**ליטעראטור** / רעצענזיע:

פון: קטלא קניא

## ותשר דבורה

אַז איך וועל זאָגן אַז איך וויל שרייבן וועגן דבורה פעלדמאַנ׳ס בוך ״אום-אָרטאָדאָקס״ וועלן לייענער אפשר אָנהייבן גאַניצן אַז מען האָט שוין דעריבער אַזויפיל געשריבן און געלייענט און וואָס נאָך קען שוין זיין צו זאָגן. אַנדערע וועלן אפשר צולייגן אַז דער באַן איז שוין ווייטער געפאָרן און עס איז ווי אתרוגים נאָך ט״ו בשבט און מכות נאָך חדר.

איך בעט אייך איבער און איך האָב דאָס זעלבע געזאָגט פאַרן הער רעדאַקטאָר. ער האָט מיר געענטפערט, דאָס איז נישט דיין עסק. דו שרייב און די אַנדערע ענינים לאָז איבער צו אונז. האָבן מיר שוין יוצא געווען מיט אַ התנצלות און לאָמיר זיך נישט פאַרזוימען.

איך האַלט פון דבורה פעלדמאַן. נישט לייכט צו זאָגן פּראָסט אַזוי, אָבער עס איז בעסער אַזוי ווי איידער אַריינגאַרן דעם עולם בפה רך, צי ווי די מרגלים אָנהייבן מיט איין זאַך און געבן אַ דריי אויס אפס כי עז העם. ממילא ווייסט איר שוין וואו איר שטייט מיט מיר, און טאָמער האַלט איר אַז זי איז סתם אַ שוטה רשע וגם רוח קענט איך תיכף ומיד מאַכן בואי בשלום און האָטס מיר און בלייבטס מיר.

און אַצינד קענען מיר זיך נעמען צו דער עבודה.

איך בין אַ סאָקער פאַר די ביכער פון אָפּגעפאָרענע; דער ״מהכא להתם״ זשאַנער - פון שלמה מימון ביז יחזקאל קאָטיק, פון רות אַבראַהאַם ביז ריוואַ מאַן און אַריינגערעכנט העלאַ ווינסטאָנ׳ס ״אום-אויסגעוועלטע״ (דרך אגב: אַז איר האָט עס ביי מיר געבאָרגט זייט מוחל גיט עס אָפּ ווייל עס איז מיר נעלם געוואָרן). ווען נאָר עס ערשיינט אַזאַ בוך בין איך דערצו אַ קונה. שווער צו זאָגן וואָס דאָס איז. ווען איך בין געווען אינגער פלעג איך זוכן דערין געגנוי מיין מצב און זען צי איך קען גיין אין זייערע פיסטריט. אַז איך האָב געלייענט אַז איינער אַזוינס איז געגאַנגען אין יוניווערסיטעט האָב איך באַלד געקלערט, שוין איז ער דאָך געווען פון אַ מאָדערנערע שטוב און ער איז נישט געגאַנגען אין אַ ישיבה וואו מען האָט געוועקט האַלב זעקס פאַרטאָגס און דער ראש ישיבה האָט געמישט זיין קאַווע מיט זיינע ברילן וואָס פון צייט צו צייט האָט ער עס אויך גענוצט צו פּיצן זיין אויער, ממילא איז נישט קיין ראיה. און אַז ער איז געקומען פון אַ חסידישער שטוב און האָט איבערגעלעבט דעם קריג איז עס ווידער אַ שוואַכע ראיה צו מיין מצב, וואָס איך האָב חתונה געהאַט מיט ווייסע שטרימפּ אין אַ פרייע לאַנד וואו אידן האָבן דער רעכט צו זיין ווי משוגע זיי ווילן און מען וועט זיי דערויף שולדיק זיין די נשמה.

המשך אויף זייט 11

מ'דארף פארבאטן דאס געלויף פון אויטאמאבילן. א פראגמאטיסט אלס מעיאר וואלט געזאגט: איז דאס א פראבלעם אין אלע שטעט, אדער בלויז אין מיין שטאט? דער פראגמאטיסט וואלט אנטדעקט אז אין אנדערע שטעט זענען נישטא אזויפיל קרבנות פון לויפנדע אויטאמאבילן, און וואלט פארשטאנען אז עס איז דער קולטור פון זיין שטאט וואס איז דער פראבלעם.

א פראגמאטיסט אלס א רב אדער עסקן וואלט געקוקט אויף די פשוט'ע פאקטן. ער וואלט געזען אז די וועלט איז נישט אזוי אלארמירט ווי ער וועגן דעם אינטערנעט; ער וואלט אויסגעפארשט אנדערע געזעלשאפטן און קולטורן צו זען צי זיי פארמאגן אויך דעם פראבלעם. אויב שטעלט זיך ארויס אז דער פראבלעם איז אייגנארטיג פאר זיין געזעלשאפט איז דאס א שטארקע ראיה אז דער פראבלעם שטעקט אין דער געזעלשאפט ענדערש ווי אין דעם אינטערנעט.

יעדע נייע ערפינדונג ברענגט געוויסע פראבלעמען, אבער מען באטראכט דעם תועלת פון דער ערפינדונג דורך שטעלן די פראבלעמען קעגן די בענעפיטן. אין פאל פון דעם אינטערנעט איז אין אלגעמיין נישטא קיין צווייפל אז זיין ראטע פון בענעפיט-קעגן-חסרון איז נאך פיל העכער פון אנדערע אנגענומענע ערפינדונגען, און דערפאר ווערט די ערפינדונג פון אינטערנעט באטראכט איבער דער גאנצער פרייער וועלט ווי א ברכה. ביי חרדים מאכט מען אויך דעם זעלבן בענעפיט-קעגן-חסרון אנאליז. אבער דער סך-הכל קומט אויס אינגאנצן אנדערש. בעת אין דער וועלט זעט מען די פראבלעמען פון צוגעבינדנקייט צו פארנאגראפיע א.ד.ג. מיט וועלכע אינדיווידועלן דארפן זיך ספראווען, זעט מען ביי חרדים א סכנה פון טאטאלער צוזאמפאל פון דעם חרדישן לעבנסשטייגער. בעת אין דער וועלט פארשטייט מען אז מען דארף זיך ספראווען מיט די פראבלעמען וואס דער נייער ערפינדונג ברענגט, האלטן חרדישע רבנים אז מ'דארף דעם "טריפענעם" אינטערנעט פארבאטן.

וואס אזוינס איז דאס אז די חרדישע לעבנסשטייגער איז אזוי אנדערש ווי אלע אנדערע הונדערטער לעבנסשטייגערס איבער אמעריקע? פארוואס איז דאס אז א פשוט'ער בענעפיט-קעגן-חסרון חשבון ברענגט גענצליך אנדערע רעזולטאטן ביי חרדים? חרדים זענען נישט די איינציגסטע וועלכע זענען אלארמירט איבער דער סכנה פון טעכנאלאגיע. די זארג ווערט געטיילט מיט זיי דורך די פירער פון געוויסע אמיש סעקטעס און די פונדאמענטאליסטישע מארמאנען. די סעקטעס זענען באזארגט איבער דעם באנוץ פון סעלפאנס פאר פרויען, און דער אפענער צוטריט צו אינפארמאציע וואס דער אינטערנעט ברענגט. איז מיט וואס זענען די אלע גלייך אז אפענער צוטריט צו אינפארמאציע ווערט באטראכט ווי גאר שעדליך?

חרדים זענען גלייך מיט די דערמאנטע קריסטליכע סעקטעס מיט דעם נוצן תמימות און נאאיוויטעט אלס א מיטל צו פארשטארקן די רעליגיע. דאס איז א תמימות פון באהאלטן די פאקטן פון לעבן; א תמימות פון מאכן דעם איינדרוק אז דאס לעבן אין דער חרדישער געטא פארענטפערט אלע פראגעס, און אינדרויסן פון די הויכע ווענט עקזיסטירן בלויז נחשים ועקרבים. אייגנטליך איז ביי חרדים פאראן א צוגאנג אז מען דארף ווי ווייניגער וויסן; מען זעט בכלל נישט קיין חשיבות אין אינפארמאציע. פון די דערנידערנסטע אויסדרוקן מיט וועלכע מ'קען באטיטלען א מענטש צווישן חרדישע אידן איז "אויפגעקלערטער" (=ער ווייסט צופיל אינפארמאציע) און "אנגעלייענטער" (=ער לייענט צופיל). א מענטש וואס איז "אנגעלייענט" קען שוין נישט זיין אזוי פרום און ערליך וואס דאס חרדיש לעבן פארלאנגט. דאס עצם לייענען און געוואויר ווערן אינפארמאציע איבער דער וועלט נעמט אוועק דעם תמימות פון א מענטש, און ער פארלירט דעם וויכטיגסטן באשטאנדטייל פון זיין א חרדישער איד.

ווען מען גייט צוריק אין היסטאריע זעט מען נישט דעם ענין פון תמימות און נאאיוויטעט זאל פארנעמען אן ארט אין אידישקייט. ביי די ראשונים טרעפט מען בכלל נישט אזא צוגאנג – אפילו ביי די וועלכע זענען געווען קעגן פילאזאפיע. דוכט זיך אז די ערשטע דערמאנונגען פון תמימות טרעפט מען אין די סיפורים פון דעם בעש"ט, ווי ער האט מחשיב געווען איגנאראנטע פויערן וועלכע האבן עספיעט צו דאווענען צו גאט בלויז מיט זינגען די אלף-בית. (אין זיין בוך "אידן ביים פרשת-דרכים", ברענגט יצחק קארן אן עסיי פון אברהם יהושע העשל ז"ל וואו ער שרייבט אז רבי יהודה החסיד האט שוין אין דרייצנטן יאר-הונדערט מחדש געווען דעם געדאנק אז "תמימות איז בעסער ווי פארשן; צו זיין א ירא-שמים איז בעסער ווי זיין א תלמיד-חכם." אבער אלס א מאסן-באוועגונג איז דער געדאנק ערשט פארשפרייט געווארן מיט דעם בעש"ט'ס חסידות.) אין אנפאנג האט תמימות געמיינט אמונה-פשוטה און דאס מחשיב זיין די מיט ווייניג אינטעליגענץ. אבער מיט די יארן איז תמימות געווארן אן אקטיווער ציל, און מ'האט אנגעהויבן זוכן צו ערציען קינדער אנצוקומען צו דעם אידעאל פון תמימות. קערנדלעך פון דעם מושג פון פרובירן צו באהאלטן אינפארמאציע פון קינדער כדי זיי זאלן ערצויגן ווערן אלס תמימים קען מען שוין טרעפן אין אייראפע נאך פאר'ן חורבן, אבער צו א קלימאקס איז דער דאזיגער מהלך געקומען נאכ'ן חורבן, ווען עס איז געווארן אן אקטיווער שליחות פון יעדן טאטן און לערער צו באהאלטן אינפארמאציע פון די קינדער און תלמידים – סיי אינפארמאציע וואס מ'וועט זיי "אנטדעקן" פאר זייער חתונה, און סיי אינפארמאציע איבער דער דרויסנדיגער וועלט. "דרויסנדיגע וועלט" ווערט אין דעם פאל נישט דעפינירט ווי די אלגעמיינע נישט-אידישע וועלט, נאר ווי די וועלט וואס איז אינדרויסן פון דעם היינטיגן חרדישן מהלך-המחשבה, וואס דאס איז כולל אויך אלע אידן וועלכע זענען נישט חרדיש, און אפילו די היסטאריע פון חרדישע אידן פון דער פארגאנגענהייט, וואס שטימט נישט אינגאנצן מיט די דאגמעס וואס היינטיגע חרדיזם שטעלט פאר. אינפארמאציע איז נאר ערלויבט איבער דעם "דא" און איבער דעם "יעצט".

ביי דער יעצטיגער פאזע פון חרדיזם איז תמימות אזוי אינטעגראל מיט דעם חרדישן חינוך אז עס טוט עס פאקטיש דעפינירן. די סכנה פון דעם אינטערנעט איז נישט אז עס עפנט א וועלט פון הנאה און מותרות – עס איז א סכנה ווייל עס טוט פשוט עפענען די וועלט פאר תמימות'דיגע אויגן. ענדערסאן קופער האט פארגאנגענעם יוני 14 געערדעט מיט א געוואזענעם אמיש בחור אויף דער



אויף די פירער פון געוויסע אמיש סעקטעס
האבן מורא פון דער השפעה פון טעכנאלאגיע

טעלעוויזיע, און האט אים געפרעגט וואספארא שוועריגקייטן עס האבן אים אוועקגעטריבן פון זיין ערציאונג. דער בחור האט געענטפערט: "די זאכן וואס א דרויסנדיגער מענטשן וואלט געטראכט אז זיי זענען שווער – זיי זענען נישט באמת שווער. אזוי ווי נישט האבן עלעקטריציטעט, נישט האבן קיין אויטאמאבילן... נאר ווען מ'ווערט א צענערלינג, אדער אביסל עלטער, און איינפלוס פון דער דרויסנדיגער וועלט פאנגט אן אריינצוקומען, פאנגט מען אן צו אנערקענען אז אינדרויסן פון דא איז דא פיל מער צו דעם לעבן, זאכן וואס איך וועל פארפאסן אויב איך בלייב דא מיין גאנץ לעבן." די רעאליזאציע אז די דרויסנדיגע וועלט איז נישט נאר נישט שלעכט ווי דער תמימות'דיגער חינוך פארקויפט, נאר טוט אויך פארשטעלן פילע פרטים פון לעבן פון וועלכע מ'האט בכלל נישט געוואוסט, איז די גרעסטע סכנה פאר געזעלשאפטן וועמענ'ס יסודות האלטן זיך אויף צוריקהאלטן אט די אינפארמאציע.

טראצדעם וואס אינטערנעט ווערט גענוצט איבער רוב וועלט אן קיינע גרויסע פראבלעמען, זענען חרדים גערעכט מיט דעם וואס זיי זענען אלארמירט איבער דער סכנה עס הערשט פאר זיי. דער אינטערנעט איז דער גרעסטער קאשמאר וואס חרדישע מנהיגים האבן נאר זיך געקענט אויסמאלן; עס איז א דירעקטער אנגריף צו דעם סאמע יסוד פון דעם באדייט פון א חרדישער איד. עס וואלט איינער געקענט מיינען אז די סכנה פון אינטערנעט פאר דעם חרדישן איד איז בלויז אז ער וועט פארלירן דעם יסוד פון חרדיזם – תמימות. העכסטנס וועט ער כאטש בלייבן א פרומער איד – אזא סארט איד וואס תמימות איז נישט דער יסוד פון זיין אידישקייט. דער אמת איז אבער נישט אזוי. אינערהאלב חרדיזם ווערט נישט חרדיזם אפגעטיילט ווי א באזונדערער שטאפל פון אידישקייט. חרדיזם ווערט געפרעדיגט ווי אידישקייט אליין. און תמימות, ווי דער יסוד פון חרדיזם, ווערט גאר פארוואנדלט אין דעם יסוד פון אידישקייט. פאר א איד ערצויגן חרדיש, טוט דער פארלוסט פון תמימות רוב מאל אונטערברענגען דעם יסוד פון זיין גאנצער אידישקייט – און עס בלייבט נישט ביי אים אדער איר קיין שריד ופליט פון תורת משה.

ווען עלטערן און מחנכים נעמען אנטייל אין אקטיוו ערציען זייערע קינדער און תלמידים מיט תמימות, מאכן זיי גרייט דעם באדן אז דאס קינד זאל עווענטועל איבערלאזן אלעס וואס מ'האט אים געלערנט. אין דער יעצטיגער עפאכע ווען עס ווערט אוממעגליך צו באהאלטן אינפארמאציע, איז דער איינציגסטער וועג וואס איז געבליבן, צו זיין אפן מיט די קינדער – זיי ענטפערן אלע פראגעס וואס זיי האבן, און אקטיוו טיילן מיט זיי אינפארמאציע איבער אלץ און אלעמען, כדי זיי זאלן חלילה נישט אויסוואקסן קיין תמימי לב. אזוי קען נאך אפשר בלייבן האפנונג אז דער "פראבלעם" פון אינטערנעט וועט נישט גענצליך חרוב מאכן אידישקייט פאר די אלע וועלכע זענען אויפגעוואקסן ווי חרדישע אידן, מיט "תמימות" ווי דער יסוד פון יהדות.

דער פאעט און דראמאטורג וויליאם באטלער יעיטס האט געזאגט: "פאר די תמימים און די שיינע איז צייט דער גרעסטער שונא." נאך זיבעציג יאר פון נוצן תמימות פאר דעם יסוד פון אידישקייט, איז שוין געקומען די צייט צו טרעפן נייע יסודות. אויב תמימות האט אמאל געקענט ארבעטן, דארף מען געדענקען אז עס איז א רעלאטיוו-נייע ערפינדונג וואס צייט האט דעריאגט. עס איז געקומען די צייט צו שעצן חכמה און אינטעליגענץ פאר א אידישקייט וואס וועט קענען זיך האלטן אפילו אין פנים פון אינפארמאציע איבער דער דרויסנדיגער וועלט. ❖

---

**באטראכטונג / טוישן היסטאריע:**

פון: ד. זיכערמאן

# קולא – א פארגעסענער באגריף

שוין איבער א צענדליג יארן וואס עס קומט פאר א פייערדיגע מערכה קעגן עירובין אין ברוקלין. די מחמירים פארפאסן נישט קיין געלעגנהייט צו הענגען פרישע פלאקאטן איבער דער שרעקליכער חטא פון טראגן אין דעם עירוב אום שבת. צומאל איז טשיקאווע צו לייענען דעם לאגיק וואס טרייבט די וועלכע פארפירן אזוי. האב איך אנומלט געלייענט א מודעה אזא וואס האט ציטירט א דרשה פון דעם טענקער רב פון בארא-פארק.

דער טענקער רב האט געזאגט אז אפילו די וועלכע האלטן אז דער עירוב איז מותר זענען דאך מודה אז עס זענען פאראן תורה'דיגע אויטאריטעטן וועלכע האלטן אז עס איז אסור זיך צו באנוצן מיט דעם עירוב. דעריבער, טענה'ט ער, טארן זיי אויך נישט טראגן מיט'ן עירוב. ער ערקלערט אז ווען עס וואלט געווען א ספק צי א געוויסער מאכל איז פאר'סמ'ט, וואלט קיינער זיך נישט פארלאזט אויף א דעה וואס זאגט אז עס איז בסדר צו עסן, מ'וואלט חושש געווען אפילו צו א דעת יחידאי און נישט געגעסן דעם מאכל, אויב אזוי, זאגט ער, חילול שבת איז נאך פונקט אזא שרעקליכע זאך ווי עסן א פאר'סמ'טן מאכל, טא, וויאזוי קען מען זיך פארלאזן אויף די וועלכע זאגן אז מען מעג זיך באנוצן מיט דעם עירוב ווען עס זענען פאראן אזעלכע וועלכע שרייען אז מ'שפילט זיך מיט סם?

אט דער לאגיק, צו נעמען תורה'דיגע באגריפן און צוטיילן צו זיי ערדישע אויפפירונגען, איז א גענצליך נייער מהלך פון די לעצטע יארן, און איז אייגנטליך דער מקור פון די שטייגנדע חומרות. די מצוות פון דער תורה זענען אייביג באטראכט געווארן ווי א דרך החיים, מ'האט זיך געפירט אויף דעם אופן וואס מ'האט צוגעזען אין דעם שטוב וואו מ'איז אויפגעוואקסן (חוץ אויב מ'האט אויסגעקליבן א נייעם דרך), און אזוי האט מען ווייטער איבערגעגעבן פאר די קומענדיגע דורות. די תורה איז געווען דאס וואס האט אריינגעגעבן א העכערקייט אין לעבן, וואס האט געלאזט דעם מענטש זיך דערהייבן איבער די ערדישע מושגים, און וואס האט אים מחזק געווען אין שווערע מאמענטן.

א מונקאטשער חסיד האט געטון די חומרות פון זיין רבי'ן און א בעלזער חסיד די חומרות פון זיין קרייז. קיינער האט נישט געשפירט אז ער דארף נאכמאכן יענעמ'ס חומרות – ווייל די אייגענע אידישקייט האט אים שוין באפרידיגט. דער ציל פון דער תורה, צו געבן א פלאטפארמע אנצוקומען צו גאט, איז ערפילט געווארן מיט דער אידישקייט וואס מ'האט מקבל געווען אין דעם אייגענעם קרייז.

היינט ווערט שוין נישט די תורה באטראכט ווי א ספר וואס גיט גייסטישע באפרידיגונג. דער טאן ווערט געשטעלט דורך דעם "ראשית חכמה" – דער ציל פון היטן תורה איז זיך ארויסדרייען פון די בייזע פלאמען פון דעם גיהנום, און די תורה דינט ווי א בוך פון "זיכערהייט אנווייזונגען" וויאזוי זיך צו קענען זיך פארזיכערן נישט אריינצופאלן אין גאט'ס קאלעך-אויוון. נו, א קלוגער איד וואס וויל פארזיכערן אז גאט זאל אים נישט אריינטראסקענען אין כף-הקלע, וועט אוודאי צונויפקלויבן אלע חומרות וואס ער קען נאר כדי צו זיין אויף דער זיכערער זייט. מונקאטשער חומרות מיט בעלזער מנהגים, געמישט מיט חומרות פון ווילנא, באכריין און לעיקוואוד, געפינען

דעם פלאץ אין זעלבער היים, אפגעזען פון דעם פאקט אז די ערפינדער פון יעדער חומרא באזונדער האט קיינמאל נישט געוואוסט איבער די אנדערע חומרות.

אמאל האט מען געזוכט צו זיין צופרידן מיט דעם וועג וויאזוי מ׳האט געדינט דעם אויבערשטן. אין אלגעמיין איז יעדער געווען צופרידן פון די מיינונגען און אידישקייט מיט וועלכע מ׳איז אויפגעוואקסן, און אזוי האט מען געשפירט נאנט צו גאט. היינט, אז די תורה איז מער נישט קיין רוחניות׳דיגע ווערק, ס׳איז פשוט א שפיל מיט פייער, זיך ארויסצודרייען פון אריינפאלן אין גיהנום, ווערט גילטיג די סברא פונעם טענקער רב אז ס׳איז גארנישט אנדערש ווי א ספק אויף פאר׳סמ׳טע מאכלים און מ׳דארף לכאורה אננעמען די חומרא׳דיגסטע שיטות.

דער טענקער רב האט גענומען די היינטיגע סענטימענטן צו א קלימאקס, אבער אפילו די וואס גייען נישט אזוי ווייט, לעבן מיט אזעלכע געפילן. אננעמען א חומרא דארף קיינמאל נישט קיין תירוץ – יעדער פארשטייט אז מ׳וויל זיך בעסער פארהיטן פון דעם גיהנום, אבער א קולא דארף מען שוין פארענטפערן. לויט דער היינטיגער השקפה ביי חרדים איז א לייכטער מהלך-החיים וואס טוט אפיציעל ערלויבן קולות אן אפגעפרעגטע זאך. א פיגור א שטייגער ווי הרב שמשון רפאל הירש ז״ל ווערט פארענטפערט מיט דעם אז צוליב דעם מצב אין זיין תקופה האט ער געמוזט ערלויבן געוויסע קולות. מ׳קען נישט בכלל דערהערן אז עס קען עקזיסטירן א מהלך החיים וואס זעט נישט א קולא ווי א זיגל פון גיהנום גרעניץ-ווערכטער, און א חומרא ווי א בילעט צום גן-עדן, נאר באטראכט די תורה ווי א גייסטיגער דרך החיים.

חרדים זענען דאך באקאנט מיט פארדרייען היסטארישע פאקטן כדי צוצופאסן צו היינטיגע השקפות, און דער זכרון פון פיגורן וועלכע זענען באקאנט מיט קולות ווערן פארדרייט, טייל פון זיי פארנט פון אונזערע אויגן. הרב שלמה האלבערשטאם ז״ל, דער באבובער רב פון בארא-פארק, האט אלע זיינע יארן געפירט א לייכטן לעבן. ער האט קיינמאל נישט געזוכט אנצונעמען איבריגע חומרות, און האט מקיל געווען פיל מער ווי קאלעגע רבנים. אין א וועג איז דער באבובער רב געווען א מאדערנער מענטש – ער האט נישט געזוכט צו לעבן אויף דעם אופן וואס הרב יואל טייטלבוים ז״ל, דער סאטמארער רבי, האט אוועקגעשטעלט, אבער האט דאך געוואלט געציילט ווערן אין דער חסידישער מחנה. דער באבובער רב האט קיינמאל נישט מקפיד געווען אז די פרויען זאלן נאכפאלגן די קליידונג-פרינציפן ווי ביי די פרומערע חסידים פאר׳ן חורבן, אדער ווי די מער חרדישע רבנים האבן אוועקגעשטעלט נאכ׳ן חורבן. פאר זיך אין פריוואטן לעבן האט ער קיינמאל נישט געלאזט פאלן קיין פרומע רייד, אזוי ווייט אז אפילו איינשטייענדיג ביי מעריצים וואס זייער פרומקייט איז געווען אונטער א פראגע-צייכן האט ער קיינמאל נישט געפרעגט איבער די כשרות פון די מאכלים.

נישט נאר האט דער באבובער רב נישט געזען קיין פראבלעם אין קולות, נאר ער האט נישט געקענט סובל זיין איבעריגע חומרות און פארפרומעניש. ווען עס איז אויסגעקומען אז ער האט זיך געדארפט באטייליגן ביי עפנטליכע צוזאמענקונפטן מיט אנדערע רבנים, פלעגט ער בעטן זיינע גבאים אז זיי זאלן טון וואס זיי קענען אז ער זאל נישט דארפן זיצן נעבן הרב הערשעלע הורוויץ ז״ל, דער ספינקער רבי פון וויליאמסבורג, וועמען ער פלעגט רופן ״א פרומע נשמה.״ דער באבובער רב האט געזען אין אים א ״ראשית-חכמה״ איד, א מענטש פאר וועמען חומרות איז א מיטל געראטעוועט צו ווערן פון גאט׳ס צארן. ער האט דאס נישט געגליכן, ער האט נישט געקענט סובל זיין אזא מאדע אידישקייט.

פארשידענע נייע חומרות וועלכע קומען אויף צוליב די אדיקות צום טעקסט פון ספרי הלכה האט דער באבובער רב גענצליך אוועקגעמאכט. ער האט נישט ליב געהאט חומרות וועלכע ער האט באטראכט אז זיי קומען פון די ״ליטוואקעס״, און האט מקיל געווען אויף פילע הלכה׳דיגע שאלות אויף וועלכע מ׳האט אין אלע אנדערע חסידישע קהילות מחמיר געווען, אפילו דיינים אין זיין אייגענער קהילה האבן געשריגן אז מ׳דארף מחמיר זיין.

אויף באבובער רב האט מען געזען אז ער האט געלעבט אויף דער וועלט; ער האט מקבל געווען די תורה ווי א תורת ה׳ תמימה משיבת נפש, נישט ווי א מיטל אויסצוקרויזן דעם גיהנום. אבער היינט, אז אזא מהלך איז מער נישט גאנגבאר, ווערט זיין זכרון אינגאנצן פארדרייט. אין דער צייט וואס מ׳פרעדיגט אז מ׳דארף זיך האלטן ביים אלטן און מ׳טאר נישט משנה זיין, גייען קולות נישט אריין אין דעם גדר. ובפרט אז מ׳פארקויפט אז באבובער רב האט מקיל געווען אויף געוויסע זאכן בלויז ווייל עס איז געווען נאכ׳ן חורבן, און אזוי האט ער געקענט דערנענטערן צו זיך איבערלעבער וועלכע זענען געווען שבור ורצוץ. די וועלכע באלבאטעווען אויף זיין זכרון און כבוד איגנארירן אז ער איז בטבע געווען א לייכטער מענטש; אז ער האט נישט מחמיר געווען נישט ווייל ער האט נישט ״געקענט״ מחמיר זיין נאר ווייל ער האט נישט ״געוואלט״ מחמיר זיין. און דאס ווילן זיי פארגעסן. ❖



דער באבובער רב, הרב שלמה האלבערשטאם, הארט נאך זיין חתונה, אויף די אקסלען פון א חסיד פון זיין טאטן דער פריערדיגער באבובער רב

דאס לעבן / די ״קאמף״ קעגן טעכנאלאגיע:

# ״פארוואס איך האב אינטערנעט אָן א פילטער״

איך וועל נישט זאגן אז איך בין געווען דער גרעסטער מתמיד אלס בחור אין ישיבה, אבער דער קלענסטער אויך נישט. געווען צייטן ווען איך האב פלייסיג געלערנט, און געווען צייטן ווען איך האב אביסל אונטערגעפאנפעט. בסך הכל בין איך געווען פאררעכנט ווי א פיינער בחור, מיט א גוטן קאפ, און פיינע מידות.

ווען עס איז געקומען צו שידוכים האב איך נאטירליך געהאט א פיינעם נאמען. וויבאלד איך בין מגזע אראלים ותרשישים האט מען מיר אנגעטראגן פאסיגע שידוכים. מיין גוטן קאפ און פיינעם נאמען אין ישיבה האט ערלויבט אז מיינע עלטערן זאלן דערקלויבן דווקא א ״טאַפ מיידל״ פון א שיינער משפחה.

איך בין געווען אכצן יאר ווען איך בין א חתן געווארן. אלס א פראדוקט פון דעם היימישן חינוך בין איך געווען א מוסטער פון הצלחה: א בחור וואס פארשטייט א בלאט גמרא, וויל זיצן און לערנען אין כולל כל ימי חייו, און נאאיוו ביז גאר. פארשטייט זיך אז איך האב נישט געוואוסט דאס מינדעסטע וועגן די פאקטן פון חתונה-געהאטן לעבן. ווען איך בין געזעסן ביי דער ״בעשוי״ מיט מיין צוקונפטיגער ווייב, האב איך טאקע געוואוסט אז עס איז דא א געוויסע פונקציע וואס מען דארף טון צו האבן קינדער, אבער איך האב נישט געוואוסט קיין שום פרטים, און אוודאי האב איך נישט געהאט קיין שום מושג וועגן ליבשאפט און ראמאנס.

דאס מיידל וועלכע איך האב געזען האט אויסגעזען איידל, שיינע מידות און א שיינעם פנים. נאך נעמענדיג אין באטראכט די אויסערגעווענליך גוטע אינפארמאציע וואס מיינע עלטערן האבן געהערט איבער איר, האב איך געשפירט גליקליך ביז גאר אז איך בין זוכה צו אזא זאך.

האב איך אזוי זוכה געווען צו חתונה האבן מיט א מיידל וועלכע האט אין שולע גע׳שמ׳ט מיט אירע אויסצייכענונגען אין אלע לימודים, און אלס א מוסטער פון צניעות, מידות טובות און יראת שמים. בקיצור א מיידל מיט אלע מעלות, מיט וועלכע יעדער בית-חינוך וואלט שטאלצירט אז זי איז זייער׳ס א תלמידה. די אינפארמאציע איבער איר איז אויך געווען קולע אל השערה, נאך דער חתונה האט זיך ארויסגעשטעלט אז זי איז טאקע גאר געלונגען, געשיקט, איידל, זי פארמאגט גוטע מידות, און איז גאר איבערגעגעבן.

עס גייט דורך א יאר נאך א יאר, מ׳בלייבט נישט אייביג אכצן. איך האב געלערנט מער און געלייענט מער, ווי אויך, נאטירליך, האט זיך מיין מח ווייטער אנטוויקלט. דער אמאליגער אכצן-יעריגער חתן איז געווארן צוואנציג און צוויי-און-צוואנציג, און איז נישט געבליבן שטיין. אין דער צייט וואס ביי די אכצן איז מיין פערזענליכקייט געווען גענצליך אומאנטוויקלט, האב איך פלוצים אנגעהויבן שפירן אז איך פארמאג א פערזענליכקייט און כאראקטער, און אייגענע אינטערעסן און רצונות. איך האב אנגעהויבן באקומען פארשידענע אינטערעסן, ווי ארט, פאעזיע, שרייבן, מוזיק, סייענס. מיין מח האט זיך אויך מער געעפנט צום מציאות פון לעבן, וואס דאס הייסט א לעבנסבאגלייטערין, וואס דאס הייסט ליבשאפט, און וואס דאס הייסט צו קענען לעבן מיט א לעבנס-חברותא און טיילן מיט איר דאס לעבן.

איך בין א טראכטער, איך האב ליב צו לייענען און פארשן, און מיין חיות ליגט אין טראכטן אריגינעל און זעלבסטשטענדיג. פארשטייט זיך אז איינער אליין קען מען נישט לעבן. איך וויל טיילן מיינע הנאות און ״האָביס״ מיט מיין ווייב; איך וויל קענען מיט איר דורכשמועסן אן אינטערעסאנטן שטיקל היסטאריע וואס איך בין היינט געוואויר געווארן, איך וויל איר קענען ווייזן א פאעמע וואס איך האב געשריבן, א געדאנק וועלכער איך האב דערטראכט. איך וויל מיט איר קענען שמועסן איבער מוזיק, דעם כח פון באך און בעטהאווען, און אנאליזירן היינטיגע אלבומס. איך וויל איר קענען דערציילן פון לעצטע חידושים וואס וויסנשאפטלער האבן געפינען אין די הויכע רוימען, וואס ארכעאלאגן האבן געטראפן טיף אונטער דער ערד.

ווי די יארן זענען געגאנגען האט איך אלץ מער געשפירט דעם דראנג צו טיילן מיט מיין ווייב מיינע אינטערעסן. איך האב אנגעהויבן שפירן ווי מיינע אינטערעסן פארמירן מיר – מאכן מיר ווער איך בין, און ווי קען איך מיך האלטן פאר זיך אליין, איך דארף דאך מיך טיילן מיט מיין ווייב. פארשטייט זיך אז איך קען נישט ערווארטן אלעס. אבער עפעס... עפעס מעג איך דאך טיילן מיט מיין ווייב. איז עס איבערגעטריבן אז איך וויל מיט איר שמועסן וועגן עפעס פון מיינע אינטערעסן? אבער דא איז נתגלה געווארן אז מיין ווייב ווייסט נישט וואס איך וויל פון איר. ווען מען רעדט פון מוזיק דערמאנט זי די זמירות פון שבת, און ווען מען רעדט פון וויסנשאפט רעאגירט זי נאר אז חז״ל האבן שוין אלעס געוואוסט. אז איך ווייז איר א ליד וואס איך האב געשריבן ווייסט זי נישט אויף וועלכער זייט עס צו האלטן, און אז איך קריטיקיר א שלעכט-געשריבענעם בוך אדער ארטיקל וויל זי וויסן פארוואס איך בין אזוי נעגאטיוו.

איך וואלט אפילו מוותר געווען אויף ״מיינע״ אינטערעסן – זאל אונזער שותפות׳דיגן לעבן באשטיין פון בלויז ״אירע״ אינטערעסן. אבער וואס זענען אירע אינטערעסן? גארנישט. חוץ וואס מ׳האט געלערנט אין שולע, קאכן, באקן, זיין א לערערין, דינען דעם אויבערשטן, האט זי נישט קיין שום אינטערעסן. עס זענען נישט פאראן ביכער וועלכע זי איז אינטערעסירט צו לייענען, א דעקל פון אן אויסגאבע וועט קיינמאל נישט ציען איר אינטערעסע, זי האט נישט קיין שום האביס, קיין שום ספעציעל-באליבטע מאכלים, זי איז נישט אינטערעסירט אין וועלט-נייעס, קאנטראווערסיעס, פאליטישע געפעכטן. זי האט קיינמאל נישט קיין אייגענע, אריגינעלע מיינונגען, און זי ווייסט ניטאמאל וויאזוי צו אנאליזירן א זאך לויט די כללים פון לאגיק.

עס זאל נישט פון דא ארויסקומען א טעות צו טראכטן אז זי איז נישט קיין פעאיגע באלעבאסטע. פונקט פארקערט, זי איז די בעסטע באלעבאסטע וואס מ׳קען זיך נאר וואונטשן! זי פארשטייט גאר גוט אן עסק ווען עס קומט צו שטוב ווירטשאפט, און זי האט א פיין קעפעלע אויף אירע פלייצעס. געדענקט, אין שולע איז זי ווירקליך געווען פון די בעסטע און מערסט-סוקסעספולע תלמידות. זי האט פלייסיג געלערנט, זיך מתמיד געווען צו חזר׳ען אלע הלכות, און גוט געקענט אויף אלע בחינות.

דאס איז אבער בכלל נישט קיין סתירה צו וואס איך האב געשריבן פריער, ווייל א מוסטער תלמידה פון א היימישן בית-חינוך איז געווענליך אזא וועלכע האט גענומען גאר ערנסט די לימודים, און האט זיך געלערנט טראכטן געני וויאזוי די הנהלה ערווארט אז זי זאל טראכטן. אזא מיידל

פארלירט איר פערזענליכקייט; זי פארלירט די מעגליכקייט צו אנטוויקלען אן אייגענעם כאראקטער, זעלבסטשטענדיגע געדאנקען און אינטערעסן. זי ווערט א ראָבאָט וואס טראכט בלויז ווי פראגראמירט, לויט דעם רצון פון אירע פראגראמירער, אָן קיין אייגענע רצונות און מיינונגען. די מיינונגען זענען באזירט אויף דעם חינוך, און קיין וועג ארויסצוזען די מחשבות פון דארט. (וויבאלד מיין מאמע איז געווען א לערערין, האב איך געזען פון דער נאנט וואספארא סארט שיעורים עס ווערן געגעבן אין די בתי-חינוך, וויאזוי מען בויט א תורה שלימה אויף אפאר מעשה'לעך און מדרשים, און דאס קויפן די וואוילע מיידלעך אפ ווי פון משה מפי הגבורה. די שיעורים ווערן דוקא אזוי צוגעשטעלט אז די מיידלעך זאלן נישט פרעגן קיין פראגעס. אויב א מאמר חז"ל האט א שורה וואס קען מעורר זיין א פראגע ביי די תלמידות, שניידט מען עס פשוט ארויס. דער ציל איז בלויז פרעדיגן די דאגמעס און אהערשטעלן א בילד ווי כאילו זיי ווערן אונטערגעשטיצט דורך דער תורה.)

זעט איר וואס דער מצב איז? איך בין ווי א פרעמדער אין מיין אייגן שטוב. איך בין א "מאדנער" באשעפעניש וואס האט "מאדנע" אינטערעסן און באשעפטיגונגען, און מיין ווייב פאנגט נישט אן צו פארשטיין ווער איך בין, פון וואס מיין לעבן באשטייט, און וואס עס פאראינטערעסירט מיך.

ווי וויניג חתנים-מדריכים לערנען וועגן אינטימישע באציאונגען, קען מען אבער נישט בלייבן איגנאראנט פאר אייביג. ווי עס איז נאטירליך, און אוודאי פאר א מענטש וועלכער טראכט זעלבסטשטענדיג, האב איך מיט די יארן אנגעהויבן אנטוויקלען אן אינטערעסע אין די פעמיניסטישע כאראקטעריסטן פון א פרויענישן קערפער. איך האב אנגעהויבן שפירן אן אינטערעסע אז מיין ווייב זאל אויסזען שיין און – אנטשולדיגט מיר פאר'ן נוצן דעם ווארט – סעקסי. יא, איך האב אנגעהויבן ערווארטן אז מיין ווייב זאל האבן א פיזישע אינטערעסע אין מיר, אז זי זאל ווערן 'עקסיידעד', זי זאל מיטארבעטן, זי זאל ארויסווייזן הנאה.

למעשה, ווי א מוסטער פראדוקט פון דעם היימישן חינוך, האט מיין ווייב אריינגענומען די לעקציעס וועגן צניעות אין איר עצם מהות. זי האט נישט קיין שום דאנקבארקייט פאר פעמיניסטישקייט, און האט נישט קיין שום אינטערעסע צו גיין אנגעטון ארויסווייזנדיג אירע פרויענישע שטריכן. ווען רבנים זענען מעורר קעגן "שמאלע געפאסטע קליידער" מיינט עס נישט די פרויען ווי מיין ווייב. ביי זיי איז זייער פרויענישקייט גענצליך אויסגעריסן געווארן. זיי שעמען זיך מיט זייער צורה, זיי זוכן צו באהאלטן זייער פארעם. מיין ווייב זוכט צו קויפן אונטערוועש וועלכע טוען צעקוועטשן און פארקלענערן אירע ברוסטן. ווען עס איז א תקופה ווען זי זייגט א בעיבי, ארבעט זי גאר שווער צו באהאלטן אירע עטוואס פארגרעסערטע ברוסטן. איך בין מסכים אז א פרוי דארף זיך האלטן צו די גדרי צניעות און טאר נישט גיין אין גאס אויף אן אופן אויסצושטעכן די אויגן, אבער מיין ווייב – טראצדעם וואס זי דארף זיך נישט שעמען מיט איר קערפער – האט בכלל נישט דעם נאטירליכן נסיון אויף וועלכן זי זאל זיך דארפן מתגבר זיין. עס אינטערעסירט איר נישט אויסצוזען ציענד.

מאכט נישט קיין טעות, איך וויל נישט אז זי זאל גיין אין דער גאס מיט אויסגעפאסטע בגדים, איך וויל אבער אז זי זאל האבן דעם "נסיון", אז זי זאל האבן א געזונטע פעמיניסטישע פערזענליכקייט מיט אן אינטערעסע אין איר גוף, און ווי א נארמאלע פרוי זיך דארפן "מתגבר" זיין נישט צו גיין מיט צו ציענדע בגדים אין גאס.

ווי א מוסטער תלמידה איז זי סוקסעספול דורך דעם חינוך וואס האט פארלאשן איר מעגליכקייט פון טראכטן זעלבסטשטענדיג. זי האט אייביג אריינגענומען אין זיך וואס מ'האט געלערנט אין שולע, און פארשטאנען אז מ'טאר נישט פרעגן קיין פראגעס. די צניעות לעקציעס וועלכע מען האט געלערנט אין שולע האט זי גענומען זייער ערנסט, און האט פון איר אויסגעראטן יעדע שעצונג פאר ציענדיגקייט פון א פרוי'ס גוף. אויב די אידעאל פון א פרוי איז צו דערשטיקן איר פעמיניסטישן מהות, ווי מ'פרעדיגט אין די שולעס, נעמען עס אזעלכע מיידלעך ווי מיין ווייב מיט דער גאנצער ערנסטקייט. אויב דאס איז וואס זיי הערן אין לויף פון די אלע יארן פון זייערע קערפערליכע אנטוויקלונג, אויב זיי הערן קיינמאל נישט קיין גוט ווארט אויף דעם נאטירליכן אויסזען פון א פרוי, וואס קען מען דען ערווארטן פון א תלמידה וועלכע נעמט אויף די לימודים מיט דער נויטיגער ערנסטקייט?

פונקט ווי בנוגע אינטערעסן בכלליות, אזוי איז זי פונקט אזא ראבאט ווען עס קומט צו איר גוף. זי וועט לייגן אקוראט אזויפיל "מעיקאַפּ" ווי איר מאמע לייגט, און האט בכלל נישט קיין אינטערעסע אין אפשאצן צי אפשר פּאַסט איר צו לייגן מער. ווען איך בעט מיך ביי איר אז זי זאל אנטון א נאכט-העמד וואס איז אביסל שענער און מער ציענד, און זעט נישט אויס ווי א זאק דריי מאל איר מאס, אט דאן האט זי א נסיון. זי פארשטייט מיין טענה, זי וויל מיך צופרידנשטעלן. זי גייט טאקע קויפן א מער צוגעפאסטן נאכט-העמד – אבער עס קומט איר נעבעך אן שווער, און זי איז זייער אומבאקוועם דערמיט.

אז איך האב איר געבעטן נישט צו גיין די "פאלם" שטרימפ וועלכע זי האט גענומען פון איר מאמען, אבער מיין מאמע גייט נישט, האט זי מיר צוליב געטון און אנגעטון שטרימפ וועלכע זענען אויך מיאוס, אבער א טראפקעלע דינער. איך בין דאנקבאר אז זי טוט עס פאר מיר, אבער אקוראט דאס איז די ווייטאג. פארוואס האט זי דאס געטון "פאר מיר"? פארוואס האט זי נישט קיין שום ווילן פון זיך אליין אויסצוזען בעסער? פארוואס זאגט זי מיר קלאר אז זי טוט עס "פאר מיר"?

ווען עס קומט צו אינטימישע באציאונגען איז דאס זעלבע. איך בין אייביג דער וואס בעט דערפאר, און זי ווייזט ארויס גאר וויניג אינטערעסע. אין בעט ליגט זי ווי א שטיק האלץ, און ווייזט כמעט נישט ארויס קיין הנאה. זי וועט מיר קיינמאל בעטן איר צו רירן דא אדער דארט, זי וועט קיינמאל נישט אויסדרוקן קיין פרעפערענץ צו אזא תנועה אדער פעולה. אלעס איז ראבאטיש – ווי מ'האט געלערנט אין שולע.

איר זעט וואס איך מיין מיט ראבאטיש? איך בין זיכער אז געוויסע מאכלים האט זי בעסער ליב ווי אנדערע, איך בין זיכער אז איר מח האט דער יכולת צו קענען טראכטן זעלבסטשטענדיג, עס איז קלאר אז אין בעט זענען פאראן זאכן וואס זי האט מער ליב ווי אנדערע, אבער איר סוקסעספולער חינוך האט אויסגעראטן פון איר די שפראך פון זעלבסטשטענדיגקייט – די מעגליכקייט פון זיך קענען אליין עקספלארירן ווי א מענטש מיט אינטערעסן און רצונות; עס האט פון איר אוועקגענומען דעם מותר האדם מן הבהמה.

אבער קיינער גייט נישט פארשטיין וואס איך רעד. ווי געזאגט איז מיין ווייב געווען אן אויסגעצייכנטע תלמידה. זי איז צוזאמענגענומען, גייט שיין אנגעטון, האט א שיינער גוף, איז א גאר איבערגעגעבענע באלעבאסטע, און איז נישט קיין נאַר. טא, וואס איז מיין טענה?

איך מיין אז עס איז בכלל נישט איבערגעטריבן אז א מענטש זאל ערווארטן צו טיילן אינטערעסן מיט זיין לעבנס באגלייטערין. אבער אז שידוכים גייען צו מיט פּאַרן פאמיליעס, און אז א בחור מיט א

גוטן נאמען שטימט אויטאמאטיש מיט א מיידל מיט א גוטן נאמען, און אז שידוכים געשעען ווען דער מח איז נאך נישט אינגאנצן אנטוויקלט פיזיש און גייסטיש נאכ'ן זיצן אין ישיבה וואו מ'טוט אקטיוו שטערן אינדיווידועלע אנטוויקלונג, קומט אויס אז בחור און מיידל –ביידע פיינע און איידעלע מענטשן – האבן גרויסע שאנסן זיך צו אנטוויקלען ווי גענצליך אנדערע סארט מענטשן, אן קענען טרעפן דאס מינדעסטע געמיינזאמע שייכות.

מיין ווייב איז "זייער" געטריי צו מיר, פיל מער פון דעם דורכשניט. זי איז די בעסטע מאמע וואס איך קען וואונטשן פאר מיינע פיר קינדער. צו מיין גרויס צער און ווייטאג זע איך אבער נישט קיין וועג צו טרעפן סיפוק מיט איר דורך טיילן די זאכן וואס זענען מיר טייער און אינטערעסאנט אין לעבן. אויפן אינטערנעט טרעף איך עס אבער יא.

וויבאלד אין שטוב באקום איך נישט קיין גייסטישער סיפוק, איז דער אינטערנעט דאס בעסטע פלאץ וואו צו אנטלויפן. דארטן איז אייביג דא א קוואל פון אינפארמאציע צו קענען אנטלויפן אין מיין וועלטל. איך לייען וויקיפעדיע ווי אויך פארברענג איך אויף וועבסייטס פון פארשידענע מאגאזינען און אויסגאבעס. איך פארברענג אויך צייט מיט סאציאליזירן. אויף טוויטער און פעיסבוק האב איך געפינען אנשים כערכי, טייל היימישע יונגעלייט, און טייל פרעמדע, און מיט די צייט האב איך מיך באקענט מיט צען-פופצן מענטשן וועלכע טיילן מיינע אינטערעסן, און דאס שמועסן מיט זיי ברענגט מיר א געוואלד מיט סיפוק. איך פארברענג אויך אויף היימישע פארומס און בלאגס. איך האב ליב זיך צו שרייבן מיט מענטשן וועלכע פארשטייען די זאכן וועלכע פאראינטערעסירן מיר, און דאס העלפט מיר דורכשטיפן דעם טאג. אויף פארשידענע וועבסייטס קען איך ארויפשטעלן מיינע פאעמעס און צוריקהערן וואס אנדערע מענטשן האבן צו זאגן דערויף, אין אנדערע וועבסייטס קען איך רעדן מיט מוזיק קענער, און געפינען אביסל סיפוק אין דעם פעלד. איך פארשפרעך אייך, איך וואלט געשניטן די צייט וואס איך פארברענג אויפן אינטערנעט צו א האלבע שעה א טאג, אויב וואלט איך געפינען א געמיינזאמע אינטערעסע מיט מיין ווייב.

איך האלט אז מיין ווייב איז שיין, אבער ווי כ'האב שוין ארויסגעברענגט איז איר פעמיניסטישקייט גענצליך ארויסגעריסן געווארן פון איר. מיר האבן ווייניג אינטימישע באציאונגען ווייל זי בעט קיינמאל נישט דערפאר און איך בין אומבאקוועם צו אפט תובע צו זיין בפה, ווי אויך ווייל עס איז פיל מאל אנגעצויגן אין שטוב (פארגעסט נישט אז מיין ווייב באקומט נישט קיין סיפוק פון מיר – איר חלום פון א מאן איז נישט געווען א זעלבסטשטענדיגער טראכטער וואס וועט לאו-דווקא בלייבן צוגעקלעבט צו דעם זעלבן אומאנטוויקלטן מהלך המחשבה פון די אכצן), און אויך, מיט פיר קינדער בליע"ה, האט מיין ווייב קוים צייט צו אטעמען.

פרעג איך אייך בנאמנות, וואס דארף איך טון? איך בין נאך יונג, בלויז 25 יאר אלט, און איך זאג עס מיט טרערן אין די אויגן, און איך אנטשולדיג זיך זייער פארן אפשר רעדן גראב, יא, איך דארף אינטימישע באציאונגען און פיזישע ליבשאפט ווי לופט צו אטעמען.

וואס זאל איך טון אז מיין ווייב רייצט מיר נישט אויף? וואס זאל איך טון אז עס איז ליל טבילה און חוץ הערליך אויפרוימען דעם הויז פאלט איר נישט ביי צו ווייזן ליבשאפט, אויפרייצונג, תשוקה, און התפארות פון פרויענישער שיינקייט?

אין אזא פאל, לויף איך צום קאמפיוטער מיינער בשעת זי געפינט זיך אין מקוה, גיי איך ארויף צו א פארנאגראפיע וועבסייט וואס ווייזט אינטימישע באציאונגען פון עכטע פארפעלקער – און דאס צערייצט מיין תאוה. איר זעט, איך בין בכלל נישט אינטערעסירט אין דעם ברייטן פעלד פון פארנאגראפיע. אינטימע סצענעס געמאכט דורך אקטיארן גרוילן מיר. איך בין נאר אינטערעסירט זיך אריינצושטעלן אין א מצב פון א נארמאלן פארפאלק, ווייל דאס איז צו וואס איך לעכץ צו האבן מיט מיין ווייב.

איך גיי מיך נישט דא מאכן פאר וועלטס צדיק, עס מאכט זיך אמאל, נאך לאנגע חדשים נישט האבן קיין אינטימישע באציאונגען מיט מיין ווייב, אז איך בין מוציא זרע קוקנדיג באציאונגען פון פארפעלקער. איך ווייס נישט אויב דאס קען אנגערופן ווערן אן אונס צי נישט, און איך שרייב נישט דאס צו זאגן אז איך בין דער אויסגעהאלטנסטער מענטש אדער אז די לייענער זאלן מיר דן זיין; איך שרייב עס כדי איר זאלט פארשטיין וויאזוי מיין לעבן שפילט זיך אפ, ווי אנשטאט מיין ווייב זאל זיין מיין לעבנסבאגלייטערין, איז עס דער אינטערנעט וואס ערפילט דעם חלק פון מיין לעבן, און מיין ווייב איז בלויז א גאר געטרייע און איבערגעגעבענע דינסט, און שותף אין ערציען אונזערע קינדער.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז די פרטים פון מיין לעבן זענען נישט אויסערגעוועונליך. מיין ווייב איז א וואוילע פרוי וועלכע איז בכלל נישט קיין נאר, און ווען זי איז געווען אין שידוכים האט מען זיך "געריסן" נאך איר. איך גלייב אז טויזנטער חרדישע אידן וואלטן געווען גליקליך מיט אזא פרוי. נאר דער פראבלעם איז אז מיין ווייב איז אין שולע געווען א טאַפּ מיידל אין אלע הינזיכטן. זי האט קונה געווען אונזער חינוך אויף דעם שטאפל וואס דער ציל איז. און וויבאלד דער חינוך איז ליידער באזירט אויף ראבאטישקייט – אויסצורייסן זעלבסטשטענדיגקייט, איז איר מהות א סתירה צו מיין מהות, און לײדער קוקט עס אזוי אויס.

"טאַפּ" בחורים אין ישיבה זענען פיל מאל דווקא אזעלכע וועלכע זענען קלוג און דורכגעטריבן. עס איז מעשים בכל יום וואס מען מאכט טאַפּ בחור טאַפּ מיידל לגזירה שוה, אן דעם וואס מ'זאל בכלל אין באטראכט נעמען צו די פערזענליכקייטן שטימען. און למען האמת, קען מען דען אפשאצן צי דער שידוך שטימט ווען בחורים און מיידלעך זענען נאך ניטאמאל געהעריג אנטוויקלט ביי דעם יארגאנג פון שידוכים?

קיינער אין דער וועלט האט נאך נישט אנטוויקלט זיין כאראקטער און פערזענליכקייט ביי די אכצן יאר. עס איז א פאקט וואס איז אי אפשר להרהר אחריה אז ביז טיף אריין אין די צוואנציגער יארן טוט זיך א מענטש אנטוויקלען. אבער ביי אונז איז דאס נאך פיל קריטישער, וויבאלד די ישיבות און שולעס זענען אויסגעשטעלט דווקא צו שטיצן קאנפארמיטעט, צו אונטערדרוקן אינדיווידואליטעט, און מען לאזט נאר טראכטן אין דער ריכטונג וואס איז באשטימט. מיר וואקסן אלע אויף אז ווען מיר וועלן זיין "גרויס" גייען מיר זיין תלמידי חכמים. ביי וועלכער פונקט שטעלט זיך א חסידיש קינד אפ און טראכט אז אפשר וויל ער גאר זיין אן ארטיסט, אדער מעגליך גאר אז ער וויל זיין א מומחה אויף מוזיק?

דער וועג וויאזוי אונזער חינוך ארבעט איז אז עס איז נישטא די מעגליכקייט זיך אליין צו עקספלארירן פאר דער חתונה. מען פאנגט ערשט אן באנעמען דעם פאקט אז מ'איז א מענטש מיט דער רעכט צו האבן אייגענע רצונות, נאכדעם וואס מ'האט חתונה און מ'גייט ארויף פון דער שליטה פון דעם חינוך. און דער רעזולטאט? אט האט איר! איך בין נישט דער איינציגסטער וועלכער האט זיך געפינען ביי די 25 מיט א ווייב וואס פארשטייט אים נישט; אלס קאנסעקווענץ פון אונזער חינוך-סיסטעם און שידוכים-סיסטעם איז דאס לײדער א

פארשפרייטע מגיפה.

דער סיסטעם האט מיר טאקע צוגעשטעלט א געטרייע איבערגעגעבענע דינסט ביי מיר אין שטוב, אבער א ווייב, א לעבנסבאגלייטערין מיט וועמען איך זאל מיך קענען פארשטיין, און מיט וועמען איך קען טיילן אינטערעסן, האב איך נישט באקומען. איך האב עס מיר געמוזט אליין קויפן אין פארעם פון א "דעל" קאמפיוטער און קעיבל אינטערנעט. און דעריבער, אז עס איז דא א "מערכה" קעגן דעם אינטערנעט, זאג איך: אז איר האט מיר נישט געגעבן א ווייב איז איין זאך, אבער יעצט וועט איר נישט קענען פון מיר אוועקנעמען דעם ערזאץ. ❖

---

**קאמענטאר** / די "קאמף" קעגן טעכנאלאגיע:

פון: גר ותושב

# די אינפארמאציע עפּאכע

טעילאר מאריס איז א 23-יעריגער מאן פון אייאווא וועלכער איז ביז נישט לאנג צוריק געווען אן ספעציאליסט פאר באמבע-דעאקטיוויזאציע אין דער אמעריקאנער נעיווי, דינענדיג אין קאנדאר, אפגאניסטאן. דער פליכט פון דעם ספעציאליסט איז צו פארזיכערן אז די מיליטערישע גרופע אין וועלכער מ'געפינט זיך זאל זיך נישט אנשטויסן אין קיין באמבעס אדער מינעס, און אזוי אויך זענען זיי טרענירט צו אומשעדליך מאכן סיי וואספארא באמבעס אין וועלכע זיי שטויסן זיך אן.

דאס אלעס האט זיך אבער געענדיגט א חודש צוריק, אין מאי דעם דריטן, ווען טעילאר האט ארויפשפאצירט אויף א היימיש-פאבריצירטער באמבע. ארויפפליענדיג אין די לופטן פונעם קראפט פון דער באמבע, האט טעילאר געזען זיינע צוויי פיס אראפפליענדיג פון זיין גוף. זיינע הענט און פיס זענען אראפגעפלויגן אויפן ארט. טעילאר האט אבער נישט פארלוירן זיין באוואוסטזיין, און בלוטנדיג צום טויט האט טעילאר אויסגעשריגן צו זיינע חברים אז זיי זאלן זיך נישט וואגן אים קומען העלפן ווייל ס'איז מעגליך אז עס זענען דא נאך אומבאצייכנטע מינעס אין דעם געגנט און ער וויל נישט אז זיינע חברים זאלן דער'הרג'עט ווערן צוזאמען מיט אים. זיין קאלעגע האט זיכער געמאכט אז דאס פלאץ איז ריין פון נאך מינעס און באמבעס, און נאר דאן זענען זיינע חברים געקומען צו לויפן און האבן אים באנדאזשירט די הענט מיט די פיס. טעילאר איז געבליבן ביים באוואוסטזיין די גאנצע צייט.

דריי טעג שפעטער האט מאריס געלאנדעט אין וואשינגטאן די-סי, וואו ער איז געפירט געווארן צום וואלטער רידס מיליטערישן שפיטאל. די דאקטוירים זענען געווען העכסט צופרידן און איבערראשט פון טעילאר'ס פארשריט אין זיך ערהוילן. אייגנטליך איז טעילאר געווען נאר דער פינפטער מענטש אין וואלטער רידס איבערצולעבן אן אמפוטאציע פון ביידע הענט און ביידע פיס.

ווען דזשאן רעזיג פון דעם פאפולערן בילדער-בלאג "די טשייווו" האט געהערט טעילאר'ס געשיכטע, האט ער אים אנגערופן. ער האט אים געוואלט ארויסהעלפן מיט די מעדיצינישע קאסטן. טעילאר האט אים אבער געזאגט אז די מעדיצינישע קאסטן זענען שוין אינגאנצן אויסגעצאלט דורך דער נעיווי. "אויב דו דארפסט סיי וואס, וואס וואלט דאס געווען?" האט אים דזשאן געפרעגט. טעילאר האט געטראכט א מינוט, און דערנאך דערציילט פאר דזשאן אז ער אין זיין חבר'טע דאניעלא קעלי האבן א לאנג-יאריגן חלום צו קויפן א שטח ביי א וואסער און אויפבויען דארט א הייזקע. דאס האנט-געלט ("דאַון-פעימענט") פאר אזא הייזקע איז $30,000. דזשאן האט אים געזאגט אז ער וועט מאכן אן אפיעל פאר אים אויף זיין בלאג. יענעם טאג האט דזשאן ארויפגעשטעלט אן ארטיקל מיט בילדער איבער טעילאר, און צוגעלייגט די פאר ווערטער איבער זיין שמועס מיט טעילאר, און געבעטן אז ווער עס קען געבן צושטייער פאר טעילאר א פאר דאלער זאל דאס ביטע טון. אין ווייניגער ווי א שעה איז אריינגעקומען אין טעילאר'ס פעיפאל קאנטע דאס גאנצע 30,000 דאלער, און נאך מיט א שמיץ אריבער! דזשאן האט גלייך דערהיינטיגט דעם ארטיקל, און האט געמאלדן אז די גאנצע ערוווארטעטע סומע איז שוין אריינגעקומען אין ווייניגער ווי א שעה. אבער צו אלעמענס וואונדער האבן זיך די נדבות נישט אויפגעהערט. במשך דעם גאנצן טאג האבן נדבות געהאלטן אין איין אריינפלוסן, און דזשאן האט כסדר געמאלדן אויפן בלאג וויפיל געלט עס איז שוין אריינגעקומען. נאך פיר-און-צוואנציג שעה איז דער סך-הכל געווען די אומגלויבליכע סומע פון $250,000! די "טשייוועריס", ווי דעם בלאג'ס אנהענגער רופן זיך, האבן נישט אויסגעצאלט דאס האנט-געלט פאר דעם הייזקע, נאר דאס געלט פאר דעם גאנצן הייזקע בכל-מכל-כל!

דאס איז נישט דאס ערשטע מאל וואס דער דאזיגער בלאג מאכט אזא אפיעל. אין יוני 2011 האבן די רעדאקטארן פון דעם בלאג געמאכט אן אפיעל פאר א מאמע פון א פיר-יעריג קינד וועלכע האט געליטן אויף סמיט-מאגעניס סינדראם (sms), און זיי האבן דאן אויפגעטריבן דעם סכום פון $34,000 (טאפלט פון דעם סכום אויף וועלכן זיי האבן זיך גערעכט) אין ווינציגער ווי 4 שעה, פאר א ספעציעלן צימער מיט ספעציעלע שפילצייג פאר קינדער מיט אט דעם סינדראם.

לייענענדיג די מעשה פון טעילאר מאריס, איז מיר ארויפגעקומען אין געדאנק דעם געשטאלט פון מיין מלמד אין כיתה ה' ווי ער פלעגט מסביר פאר זיינע תלמידים'לעך דעם חילוק צווישן א איד און א גוי. מרגלא בפומיה, אז דער חילוק איז אז א גוי גיבט צדקה כדי צו בארואיגן זיין געוויסן, מה-שאין-כן א איד גיבט צדקה כדי למלאות רצון אבינו שבשמים. איך האב מיך דערמאנט ווי מיין טאטע האט מיר אמאל דערציילט ווי אין אפאר שעה האט גדול פלוני צוזאמענגעשטעלט גרויסע געלטער פון פשוט'ע בלי בתים, און מיט פאטאס האט מיין טאטע אויסגעפירט, "אה! מי כעמך ישראל!" ער האט ממשיך געווען, "ביי גויים איז אזא זאך נישט פאראן! יא, זיי געבן טאקע 'טשעריטי שמעריטי,' אבער מיינען זיי דען צדקה? דעם 'טעקס דידאקשען' מיינען זיי!" די סצענעס זענען מיר אויפגעשווימען פאר די אויגן, און צום ווער-ווייסט-דעם-וויפילטן מאל האט מיר דער מציאות געפאטשט אין פנים. יא, עס זענען אייגנטליך יא דא גויים וואס געבן צדקה פשוט ווייל זיי זענען גוט. מיר אידן זענען טאקע זייער חשוב און טייער, אבער מיר האבן אונזערע מעלות און חסרונות פונקט ווי יעדער אנדערער עטנישער און רעליגיעזער גרופע.

אין יענעם מאמענט איז ביי מיר קריסטאליזירט געווארן דער ריכטיגער געפאר וואס אינטערנעט שטעלט פאָר פאַר אידישקייט. ווי לאנג מיר זענען געווען ריכטיג אפגעזונדערט פון דער וועלט, מיר האבן נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אינדרויסן פון די געטא מויערן, האבן אונזערע עלטערן און מחנכים אונז געקענט פארקויפן וואס זיי האבן נאר געוואלט. איך ווייס נישט צי עס איז געווען ביודעים אדער נישט; צי זיי האבן געוואוסט אז זיי ציען אויף א דור אויף מיסאינפארמאציע צו גאר זיי אליינס זענען שוין געווארן אויפגעצויגן אויף די זעלבע פרינציפן פון מיסאינפארמירן. אפילו

אויב זיי האב עס געטון בכוונה תחילה, בין איך זיכער אז זיי האבן געמיינט גוטס; זיי האבן פשוט געוואלט אונז באשיצן פון מעגליכע ספיקות און סתירות צו אונזער פרומע ערציאונג. אזוי צי אזוי, עס איז זיי געלונגען דאס צו טון נאר צוליב די חומת התבדלות וועלכע זיי האבן אויפגעשטעלט. דער אינטערנעט איז אבער אריבערגעקראכן דעם חומה. און דאן זענען מיר געוואויר געווארן אז אך שקר נחלו לנו אבותינו. פון סאציאלע מציאות'ן ביז וויסנשאפטליכע פאקטן, פון היסטארישע אנעקדאטן ביז רעליגיעזע דאגמעס, זענען מיר געפיטערט געווארן מיט מיסאינפארמאציע – אלעס מיט א חשבון אז אזוי וועלן מיר אויפוואקסן ערליכע אידן און נישט זוכן זיך אוועקצורירן פון אונזער מסורה.

די וועלכע פירן די "מערכה" אנטקעגן דעם אינטערנעט ווייסן אז די פרייע צוטריט צו אינפארמאציע איז אן ערנסטער געפאר פאר אונזער מהלך החיים, זיי ווילן אבער נישט לעבן רעאליסטיש. אנשטאט איינזען אז די מלחמה איז א פארלוירענע און מ'דארף טוישן טאקטיקן, פרובירן זיי מיט אלע מעגליכקייט צו פירן א מלחמה אבודה מראש. אבער אז מ'קוקט מיט א ניכטערן בליק איז קלאר אז די פרייע, אפענע און באקוועמע צוטריט צו אינפארמאציע וואס דער אינטערנעט שטעלט צו איז א זאך אנטקעגן וואס מ'קען נישט פירן קיין קריג.

שטודיעס ווייזן אז רוב קינדער אין אמעריקע וועלן ענדערש נאכקוקן א שאלה אויף דעם אינטערנעט ווי פרעגן זייערע עלטערן. די זעלבע שטודיעס ווייזן אויך אז רוב אמעריקאנער קינדער גלייבן מער אינפארמאציע וועלכע זיי געפינען אויף די אינטערנעט ווי דאס וואס זייערע עלטערן זאגן זיי. דער מציאות איז אז קיין פילטער אין דער וועלט בלאקירט נישט וויקיפעדיע. עס פעלט נישט אויס מער ווי צו קוקן אויף דעם ערך אין וויקיפעדיע אויף דינאזאווערס צו זיך אנשטויסן אין ערנסטע שאלות און ספיקות. די וויקיפעדיע אינעם היימישן מאמע-לשון פארמאגט שוין קרוב צו 10,000 ארטיקלען. רוב טעכנאלאגיע עקספערטן האלטן אז ביז געציילטע יאר וועט אינטערנעט זיין א 'מוז' אין יעדן אמעריקאנער שטוב. דער סך-הכל פון דאס אלעס איז אז אונזער בת-היענה צוגאנג צום אינפארמאציע פראבלעם לעבט אויף געבארגטער צייט.

נאך א שטארקע פראבלעם מיטן פירן א מלחמת חרמה קעגן אינפארמאציע, איז די פשוט'ע רעאליזאציע אז אויב קען אונזער רעליגיע נישט פארנעמען קיין צוטריט צו אינפארמאציע, און אביסל חכמה-חיצונית שטעלט איר גאנצע עקזיסטענץ אין א סכנה, דרינגען אריין מחשבות וועלכע פרעגן: 'צי מיינט דאס נישט אז אונזער רעליגיע איז געבויעט אויף כרעי-תרנגול?'

איך בין געווען ביים "כינוס כלל ישראל" אין סיטי-פיעלד סטאדיום דעם פארגאנגענעם זונטאג פרשת במדבר. איך בין נישט געגאנגען ווייל איך האב געוואלט זיין א חלק פון א "היסטארישן" מעמד, אויך נישט ווייל איך האב געוואלט הערן דעת-תורה פונעם "פוסק הדור" איבער מיין סטאטוס אלס פורץ גדר. איך בין געגאנגען צוליב איין סיבה: איך האב געוואלט הערן די רבנים מודה זיין אז זיי האבן מורא פון אינפארמאציע. איך האב געוואלט זען וויאזוי א מענטש קען שרייען ברבים אן קיין שום בושה אז די סכנה פונעם אינטערנעט איז אז מ'ווייסט צו סך. איך האב געוואלט מיטהאלטן א מעמד וואו מ'פראבירט צו ערקלערן פאר "כלל ישראל" פארוואס ס'איז וויכטיג אז זיי זאלן בלייבן גראבע אומוויסנדע יונגען, און וויאזוי וויקיפעדיע און אנדערע וועבסייטס זענען אומשטאנד אונטערצוברענגען דעם יהדות החרדית.

דאס איז נישט דאס ערשטע מאל אין דער היסטאריע. פילע האבן פאר דעם געזען דעם ערנסטן געפאר וואס פרייע צוטריט צו אינפארמאציע ברענגט צו א מהלך-החיים וואס איז געבויעט אויף שקר און מיסאינפארמאציע, און מיר אידן האבן אייגנטליך נישט קיין אויסשליסליכע רעכטן אויף דעם טאקטיק. מיר דארפן נישט מער ווי דערמאנען דעם מיטל-אלטער, וועלכע ווערט אנגערופן "די טונקעלע עפאכע", ווען פארברענען ביכער, אריינגערעכנט אידישע ספרי יסוד, איז געווען א נארמאלע ערשיינונג.

יא, עס איז אמת אז אויפן וועב איז אויך פאראן פארנאגראפיע, אבער צוגעבינדנקייט צו פארנאגאפיע איז נישט א זאך וואס באדרויעט אויסשליסליך דעם חרדישן אידנטום. דאס איז אן אלטוועלטליכער פראבלעם און יעדע געזעלשאפט, גענוי ווי אונזער, דארף זיך ספראוועון דערמיט. סיי ווי איז דאס קוקן פארנאגראפיע נישט דאס וואס באדרויעט אידישקייט און אונזערע דורות, און פאר צוגעבינדנקייט צו פארנאגראפיע וועט א כינוס פון אפילו א מיליאן מענטשן נישט העלפן.

סאציאלע מידיא, קען האבן צוויי באנוצן. איינער וואס זוכט מיט וועמען צו פירן אן אפערע אויף פעיסבוק, צייגט דאס מער אויף דעם מענטשנ'ס פעלערדיגן חתונה-לעבן אדער נידעריגע עטישע און מאראלישע ווירדן ווי אויף א פראבלעם וואס זאל זיך געפינען אין דעם אינטערנעט. אויב אבער דער פראבלעם פון אינטערנעט איז אז אויף סאציאלער מידיא געפינט מען מענטשן מיט אנדערע מיינונגען, דאן זאגן מיר "כה לחי!" זאלן די קאנאלען פון דיסקוסיע זיין אפן. זאל דער אויסטויש פון געדאנקען, מיינונגען און גלויבונגען ווייטער אנהאלטן. צו פאראפראזירן דזשאן מילטאן, "דער אמת איז נאך אזוי שטארק ווי סיי וואספארא דאקטרינע." אויב ערווארט מען פון אונז צו גלייבן אז מיר פארמאגן דעם אבסאלוטן אמת, דאן דארף מען אויך קענען ערווארטן אז דער אמת זאל קענען בייסטיין אטאקעס פון אנדערע דאקטרינעס.

ווי לאנג דער סיסטעם פון מיסאינפארמאציע וועט אנהאלטן וועלן מיר זען אן אויפשטייג אינעם נומער פון אינטעלעקטואלע יונגען וועלכע גייען "אראפ-פון-דרך". לויט פאראנאק מארגאליז אין איר בוך "אראפ פון די דרך", איז שוין דער נומער פון אינטעלעקטואלע אוועקגעפאלענע היבש הויך. מיטן פארשריט פון טעכנאלאגיע און דעם אינטערנעט, וועלן די נומערן שטייגן צו הויכע פראפארציעס, און די פינגערס וועלכע מ'פרובירט צו שטעקן אין דער דאמבע וואס מיר האבן אויפגעשטעלט אפצוהאלטן דעם פלוס פון אינפארמאציע וועט ווייט נישט זיין גענוג. ❖




טעילאר מאריס און זיין חבר'טע, דאניעלא קעלי, דרוקן אויס זייער דאנקבארקייט פאר זייערע שטיצער פון "טשייוו"

**געזעלשאפט** / מיהו חרדי:

פון: משה מוכ"ז

# חרדים חדשים באו לכאן

דער נייער געזעץ "מיהו חרדי" פארנעמט דעם חלל אין די בני-ברק׳ער געסעלעך, בשעת׳ן אמפערן זיך ווער עס וועט זיין דער קומענדיגער חרדישער שיפס-קאפיטאן, ווער עס וועט פארטרעטן "מרן" רב אלישיב׳ס "ועשית ככל אשר יורוך" נאך זיינע 120, צי עס וועט זיין רב שמואל אוירבאך, דער פרומער כל-חמירא׳ניק, צי רב אריה לייב שטיינמאן, וועלכער האט זיך אפגעשאקלט פון זיין בריסקער עבר און זוכט אריינצוזעצן אביסל מענטשליכקייט אין דער בני-תורה "אינטעליגענץ". קומען אפיר די "חרדים חדשים" און שלאגן כפרות מיט׳ן כתר-כהונה, און מיינען אז "ועשית ככל" קאן גאר געמאלט זיין אז ס׳האט גאר אנדערע באדייטן.

די חרדישע זשורנאליסטן זענען טיף פאַרפלאָנטערט וויאזוי צו מגדיר זיין דעם פריש-אויפגעשפראצטן פענאמען "חרדים חדשים". די בני-תורה צייטונג "יתד נאמן" טוט גלייך מוסר-ומודעה זיין אז דאס זענען א כאַליאַסטרע פון אלטע משכילים – די זעלבע יענטע נאר אנדערש געשלייערט, דערנאך פארטרויען זיי דעם "בראָדער" סוד אז אט די באנדע זענען גאָר פארשטעלטע מיט אן איצטלא דרבנן, א טלית שכולה תכלת; אונטער זייערע מאַסקעס זענען זיי ברדלֵסים וואס שפייען גיפטיגע סם, ממש ווי די אלטע מזרחי פון אמאל.

## די מלחמה-סטראַטעגיע פון דעם עולם הישיבות

אמנם, בשעת די בני-הישיבות האבן אפגעקאָנטשעט זייער שקלא-וטריא און מרוצה געווארן, אַז לית מאן דפליג, דאָס זענען זיכער איבערגעקניידלטע אפיקורסימלעך און אויסגעוויקעלדיקע פאָנדראַקס, זענען אָט די כנופיה חברה חרדים חדשים געגאנגען קלאמערן ביי די הויכע פענסטער אין דער רעגירונג פאר זייערע רעכטן. דאָ איז אנדעקט געוואָרן אז ס׳האנדלט זיך נישט דא מיט א קליינער מצות-באקן שיַרָא, א פּאָר אָפגעקליבענע הושענות בלעטער, דער מדובר דא איז מכוח א צוניפגעשטראָמטע קאָמאַנדע און א צוזאמענלויף פון אַ קאלאסאלער קערפערשאפט וואס טוט פראָקלאַמירן זייער אומאָפהענגיקייט אין זייער ארונטער-רייסישקייט פון די אָפיציעלע בני-תורה. זיי צעפיצלען די גדולים אויף שטיקער און פון די ראשי ישיבות מאכן זיי קרעפל-פלייש.

ישראל פרידמאן, א בארימטער שריפטשטעלער אינעם פאנעוויזשער "יתד", לייגט אראפ א הנחה אז דער געדאנק "חרדים חדשים" קלעבט ווי ארבעס צום וואַנט. אדער איז מען א "חרדי" אדער "חילונים ישנים". פון זיין קוקווינקל איז דער נאמען "חרדי" נישט קיין סאציאלאגישן טערמין, דער רעכט זיך צו טיטלירן "חרדי" געהערט צו די וואס זענען זיך מקבל-מרות און ווארפן זיך אונטער די "עיני העדה", און זייער גאנצן טראכט און געשטעל מוז זיין על דעת מרנן ורבנן.

דער שרייבער גיט אונז איבער אן אנעקדאט אויף דעם פאליטישן פרק ווי דער גאון ר׳ ארי׳ לייב שטיינמאן האָט געהאט אנצוהערן אויף דער ערשיינונג פון "חרדים חדשים": "פאראן אזוינע וואָס זענען נישט מקפיד אויף דעם מים אחרונים, דאך זענען זיי חרדים. דערנאך זענען פאראן ׳בודדים׳ וואס מאכן דערפון א ׳מפלגה׳."

וואס איז דער עיקר כוונה פון אט דער מלחמה? מען דארף נישט זיין קיין ראָגעטשאָווער, יעדער פארשטייט אז "מ׳מיינט דא נישט די הגדה, נאר די קניידלעך." מים אחרונים חובה, און על-פי מיסטיק טוט דאס פארטרייבן די רוחות רעות, אבער נישט דאס שאקירט די מרנן ורבנן. ס׳ברענט זיי האָר און נעגל אַז דעם פאָן וואס רב אליעזר שך האט אויפגעהויבן בשעת זיין "השקפה׳דיגע" מלחמה פאר די באנק-קוועטשער מיטן נאמען "דגל התורה", וועט לעכערדיק און צעבלאזן. אט די בני-תורה מיטן גאנצן יקום-פורקן, שטייען אין א "גייסטיקע" סכנה פון אט דעם נייעם "גרינצייג" חרדים חדשים.

דער "ויתרוצצו", די פאפירענע מלחמה און ווערטער-קאמף איז נאך מער פעסטגעשטעלט געווארן ווען מ׳האט געשפירט די קאנסעקווענצן ווען די חרדים חדשים זענען געגאנגען מאָנען זייערע רעכטן ביי דער רעגירונג ווי אַן אייגן פארטיי און פראָקלאַמירט אז זיי דיסהאַרמאָנירן מיט דער רבנישער פראַקציע; זיי זענען נישט מרוצה פון אט דער באנק-קוועטשונג-מאַניפעסטאַציע, און ווידערשפעניגען און שרייען, "׳לא׳ מיט אַן אלף, שם כולל לא יזכר ולא יפקד!" זיי פראטעסטירן אויף דעם עצם געדאנק פון זיין א בטלן, א פרוש, זיצן איבער א לבושי שרד שעות לאנג אויף דער סוגיא פון נ"ט בר נ"ט. ווי אויך געפעלט זיי נישט די "לופט געשעפטן", ווי זאגן קל-מלא׳ס פאַר אביסל קמחא-דפסחא, און זיין כפול-שמונה ציצית-דרייער און קניפער, נאר זיי ווילן זיין אמת׳ע יגיע-כפימניקעס מיט אלע כלי-מכשירין, פארנעמען אַ פּאָזיציע מיט אלע פונקציעס, און נישט מאכן פון דער תורה א קרדום לחפור בה.

פאראן א שפריכווארט "אמעריקע איז א טייער לאַנד, ווייל צו ארבעטן איז נישט קיין שאַנד." אבער אין ישראל, די לאַנד פון "שונא בצע", זינגען זיי דעם "מה יתרון" און זיי ווילן נישט ארייַנשטעקן דעם פינגער אין קאלט וואסער. ווי א ירושלימער האט זיך אמאל מיט גרויסקייט שטאלצירט צו מיר, "אין מיין ייחוס-בריוו געפינען מיר דעם לעצטן מענטש וואס האט געארבייט פאַר פרנסה איז געווען רב יוחנן הסנדלר."

נו... יעצט פארשטייט איר שוין פארוואס די קישקע-מעקלער שלאפן נישט, און פארוואס אשמדאי׳ס נאז ווערט לענגער און לענגער?

## און וואס מיינט דאס פאר אונז?

ואם תאמר... מה לי ולבני-ברק, וואס דארף איך זיין דא דער מלאך-מושיע, איז נישט גענוג וואס איך טו פרענומערירן מיט׳ן ר׳ מאיר-בעל-נס פושקע?

ברידער טייערע! לא מעבר לים הוא, מיר ברידער אין אמעריקע ליגן אויסגעצויגן אין די שלאַכט-שטיבער ביי אונזערע רבנים אין די הענט, זיי חלפען אונז אָפּ ביי די העלדזער און לעקן אָפּ פון אונזער גענזענשמאַלץ. מיר זענען זייער עולה-תמימה, און זיי מאכן מיט אונז לחם-תנופה. ווער זענען אונזערע פארטרעטער, אונזערע שופר-בלאָזער? ווי לאזן מיר זיך אזוי פארפירן קיין סיטי-פיעלד, צוקוקנדיג א גאנצן שאך-ברעטל פון סאמע פערד זינגען אָפּ זייער ונתנה-תוקף, פוסטע פלוידעריי, און באדייטנסלאזע אַבראַ-קאַבראַ אויף "אָך קוצץ" לשון.

ניין, מיר זענען נישט קיין שעפסנקעפ וואס פארבאטן גיין אין אידישע שטיבער מיט אינטערנעט צוליב א בן בנו של ק"ו פון א בהמה דקה; מיר זענען נישט גוזר קיין איסור חיתון אויף די וואס פראגרעסירן מיט

טעכנאלאגיע. אדרבה, אונזערע אני-מאמין איז אז נאר מיט פּראָגרעס, נאר מיטן פלוספעדערן אין דער פארנט, קאנען מיר זיין אַן עם-סגולה. מיר וואַרפן נישט קיין חליצה-שיך אויף וועלט-קולטור און מיר געבן נישט קיין ספר כריתות צו אונזער אידישער טראַדיציע – מיר עסן סיי געפילטע פיש מיט כריין און סיי יאפּאנעזישע סושי.

מיר ווילן צוריק די אמונה פון די נביאים, די אמתע אידישקייט פון זמן-הבית, וואו לייטזעליקייט און דערבארעמקייט, מענטשן-ליבע און הומאניזם שפילן די אויבערשטע פון שטייסל, און וואו עגאאיסטישע צדיקים-אין-פעלץ מיט זייערע גרויזאמע בלוט-דורשטיקייט זענען בבחינת אחוריים, נחותי דרגא, און דערנידערטע בארבאריסטן. יאָ, דער גאַנצער קיום היהדות שטעקט אין שפטו יתום ריבו אלמנה, און נישט וויפיל רבנים זיגלעך, המכחישים זה את זה, געפונען זיך אויף די מרור בלעטער.

ביי מתן-תורה, כמה וכמה שנים קודם סיטי-פיעלד, האָט אונז גאָט באַהויפטעט, "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים". אויף יעדן ליגט דעם פליכט צו נוצן די אייגענע קאַפּיטשקע דעה בינה והשכל אין זיך נישט לאזן פאַרפירן בלינדערהייט פון אט די אזויגערופענע "גדולים". מיר דארפן נישט קיין אנטרייבער, באגייסטערער, באאיינפלוסער, מיר זענען מוחל אייערע האניקדיקע ווערטער און זיסע ריידעלעך, מיר זענען שוין נמאס ומאוס פון אייערע דיקטאטורשאפט פון אייערע הר-כגיגיתלעך און פון אייערע-כף הקלע׳ס. בלאזט מיט אייערע שופרות, שרייטס הויעך ה׳ הוא האלוקים, מיר רירן זיך נישט אוועק פונעם שכל-הישר, מיר פאלן נישט כורעים צו איגנאראנץ און זינגען נישט מיט מיט אייער פארבלענדענישן.❖

# ותשר דבורה פון: קטלא קניא

המשך פון ערשטער זייט

געלייענט האָב איך ווייטער. נישט נאָר פון אָפּגעפּאָרענע אויף זייערע אָפּפּאָרעכץ, נאָר פון יעדן וואָס האָט באַשריבן אונזער לעבן פון אַ דרויסנדיקער קוק-ווינקל. לאו דווקא קריטיש נאָר פּשוט אויף צו זען מיין לעבן און ערציאונג געשפּיגלט און געמאָלט מיט אַנדערע פאַרבן. פון ביאַליק׳ס "המתמיד" ביז שלום-עליכמ׳ס "מאטעל פּייסי דעם חזנס", צי דזשעראָם מינצ׳ס "האַסידיק פּיפּעל" אָדער אַיאַלאַ פעדער׳ס "מצווה גירלס", און די אַרטיקלען וואָס ערשיינען וועגן אונז פון צייט צו צייט. פיל מאָל איז עס נישט מער ווי זען אַ טערמין וואָס איך בין דערמיט אויפגעוואַקסן און קיינמאָל נישט משים לב געווען צו איר מיינונג, און מיטאַמאָל זע איך עס אויף ענגליש צי מאָדערנע העברעאיש און די אויגן מאַכן זיך מיר אויף צו הערן אַ פרישע דערהער.

די היימישע רעאַקציע צו אַזוינע ביכער איז אָפט אַ רעפלעקסיווע גרוילונג און אָפּלאַכעכץ. ׳הייבט זיך נישט אָן,׳ ׳סתם אַנטיסעמיטן,׳ ׳מהרסיך ומחרביך ממך יצאו,׳ אַלעס ווי ענדערש אָפּלייענען וואָס עס שטייט, און קלערן צי יש דברים בגו און צי צווישן די ׳חלומות׳ און ׳שקר וכזב׳ ליגט נישט אפשר עפּעס פריש. אַ חלק פון דער אינסטינקטיווער אָפּשטויסעניש שטאַמט פּשוט פון אַן אומבאַהאַוונקייט צו זען אונזער לעבן אין פרישע פאַרבן. ווי ווען מען באַגעגנט צום ערשטן מאָל רושמדיקע ("אימפּרעשאָניסט") קונסט און מען וואונדערט זיך אַז אַ בוים און אַ וואַסער און אַ וואַסער-ליליע זעען גאָרנישט אַזוי אויס. ווי ווען מען הערט אַמאָל אַ חסידישן ניגון געשפּילט נוסח דזשאַז און עס קלעבט נישט אין די אויערן.

פאַר מיר איז אָבער הא גופא, זען אונזערע לעבן מיט אַ פרישקייט אויסגעטון פון האָניק און גלאַנץ און דורותדיקע אָנגעלייגטע שיכטן, דווקא דאָס איז דער צוצי. ווי ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען ׳יצר הרע׳ אויף ענגליש, נישט אין אַ חרדישע אויסגאַבע מיט קורסיווע בוכשטאַבן, נאָר איבערגעזעצט אויף ענגליש, "איוויל אינקלינײשן". מיט אַמאָל איז דער בייזער הונט פון דער יצר הרע, מנוול זה, דעם ערשטן קוזין פון דעם מלאך המוות און ממש אַ ברודער מיטן שטן, געוואָרן נישט מער ווי אַ שלעכטע נייגונג. טאַקע נישט אַזאַ איינעם וועמען מען גיט אַ שישי אָבער אויך נישט דער געמיינער יונג וועמען נאָר דעם רבינס קאַנטשיק קען פאַרטרייבן.

אָט מיט אַזאַ צוגאַנג האָב איך אויף חול המועד פסח באַשטעלט פון אַמאַזאָן "אָנאָרטאָדאָקס", לצורך יום-טוב איז דאָך מותר. איך האָב פאַרשטייט זיך געהערט פון דער סקאַנדאַל אַרום דעם בוך, געהאַט אַ טועמיה אויף עטליכע זייטלעך, זיך געגרוילט פון אירע קרעכצן אויף דער באַרבאַראַ וואָלטערס שאָוי, און געחנפעכץ ווי אַ סאַטמאַרער בעל דרשן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ קאָנגרעסמאַן. איך האָב געזען אַז אפילו משיח השקר פון "פיילד מעסייע" שטעקט זיך אויס זיינע כשר חזיר-פיסלעך און מיטאַמאָל ווערט אונז אַ פריינד. אַז דאָס פּאַסירט איז שוין טאַקע צריך בדיקה.

יום טוב איז עס אָנגעקומען מחוץ לתחום, מיין זון האָט באַוויזן, ממש ווי אַ הודיני, עס צו באַפרייען פונעם קאָנווערט אָן אפילו איין ריס, און נאָכן פּסחדיקן טשאָלנט און וואַרטן בכדי שיעשה האָט מען געמאַכט אַן על מקרא און זיך גענומען צו דער שירת דבורה.

אַז איך מוז סך-הכלען, וואָלט איך געזאָגט אַז כאָטש דער קול איז אפשר נישט דער בעסטער איז די געזאַנג אַלץ נישט קיין שלעכטער, און אין אַלגעמיין איז עס אַ נישקשה שטיקל.

דער נאָמען פון בוך איז מיר שוואַך געפאָלן. וויבאַלד דער בוך איז די פערזענליכע רייזע פון אַ מיידל און נישט אַ שטודיע פון אַן אַקאַדעמיקער, האָט זיך ערוואַרט עפּעס מער מיט געפיל און וואַרעמקייט, און "אָנאָרטאָדאָקס" איז עטוואָס טעכניש און אומפּערזענליך. ווייטער דער סובטיטל, ׳דער סקאַנדאַליסטישע פסלען פון מיין חסידישן שורש׳, איז היפּש איבערגעטריבן. עס נעמט שוואַך אין באַטראַכט אַז היינטצוטאָג איז עס גאַנץ אַ קנאַפּער סקאַנדאַל ווען צוביסלעך כי אין בית אשר אין שם מת, און כמעט יעדע פאַרברייטערע משפּחה האָט זיך איר צדיקל און צדיקתטע. עס מאַכט אויך אַ רושם כאילו דער בוך פאַרנעמט זיך מיטן טראַסק פונעם סקאַנדאַל פון איר אָפּפאָרן. למעשה איז דער אמתער סקאַנדאַל וואָס איר מאַמע האָט אָנגעמאַכט מיט איר איבערלאָזן מיט יאָרן צוריק, און ווען פעלדמאַן לאָזט אונז איבער האָבן מיר עס ערוואַרט פונעם פּראָלאָג און קיינער נעמט כמעט נישט אַכט.

פון הינטער דעם בוך איז דאָ אַן אויסצוג ווי באַבי מיט דער בעל-מחברטע בונטעווען צו באַהאַלטן קאָנטראַבאַנד פון ענגלישע ביכער איידער זיידי גייט מאַכן בדיקת חמץ. דאָס ׳באַבי׳ און ׳זיידי׳ איז מיר געווען פּריקרע. איך גלייך עס נישט ווען בעלי מחברים ווערן מיט מיר צו פאַניע בראַט. זאָגן שוין אָבער חז"ל אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, און אפילו אַז דער קנקן האָט אַ

בילד פון דער מחברטע מיט בלאָזענדיקע האָר און רונדעכיקע באַקן ביינער.

האָב איך מיר אויפגעמאַכט דעם בוך און זיך גענומען לייענען. אַ הקדמה פון זיך טרעפן מיט דער מאַמען, אַ בילד פון אירע עלטערן מיט ברילן אַ שיעור חזון-איש, אַ ציטירונג פון ראָאַלד דאַהל, און ענדליך קענען מיר שוין אָנהייבן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אפשר זענען דאָ חידושים פאַר די וואָס קענען אונז נישט, אָבער קיינע גרויסע איינזעענישן וועט איר דאָ נישט געפונען, קיינע אוצרות פון אונזער לעבן ווערן דאָ נישט אַנדעקט, און אויף טיפע פסיכאָלאָגישע אַנאַליזן וועט איר מוזן זוכן בעסערס אויב עס באַשטייט. דער סטיל איז פלאַטשיק, און פון עלעגאַנטע פראַזן איז דער בוך פאַראָרעמט. דער נאַטור באַשרייבעכץ איז געצווינגען ווי אַ בעל הביתטע וואָס האָט פאַרבויט איר גאָרטן און שטעקט אַריין אַ טייטלבוים פלאַנצונג ביים זילבער שראַנק. זי רעדט פון פייגלעך און בלומען אָבער צו דעם ריח פון באַבי׳ס געבעקטס און די פאַרפאַרעטע פענצטערס פון איר קאָך איז זי פיל מער פעאיק. אין שולע, באַגריסט איר מחוץ למחנהדיקע טיטשער די כתה מיט אַ שלום עליכם אַז פון דבורה׳ס קלאַס וועט נישט אַרויסשפּראָצן דער נעקסטער גרויסער אַמעריקאַנער ראָמאַן. אַז אָט דער בוך איז דער מוסטער, איז די-אָ סאַרקאַסטישע נביאות דערווייל נאָך נישט אָפּגעשלאָגן.

זי דערציילט טאַקע פון דעם אינטעלעקטועלן מדבר וואָס מיר באַוואוינען, וואו אַ בוך וואָס איז נישט אַ ספר וואָלט דער זיידע געוואָלט פאַרברענען מיטן חמץ. זי דערציילט אויך פון פריינד וואָס לייענען ביכער און זענען באַהאַוונט אין עולם הזה, אָבער נאָכדעם וואָס זיי גייען אַריבער דעם גליק פון אַ חתונה און מען שענקט זיי אַ געגאָלטן קאָפּ פאַר אַ בראַנדצייכן, ווילן זיי איר נישט קענען. דער מאַן לאָזט נישט מיט איר רעדן. זי שרייבט אויך פון יום־טוב און טישן, שידוכים און מקוואות.

אָבער עם כל זה, כאָטש זי גיט אַ געפיל פון אונזער לעבנס שטייגער, איז עס שטאַרק באַגרעניצט צו איר קליינער וועלט וואָס לאָזט ווייניק אַריין און נאָך ווייניקער אַרויס. אַ סאָרט ״פּייטאָן פּלייס״ מיט צו ווייניק כאַראַקטאַרן און צו אַ קליינער פענצטער. זי מערקט נישט אַז זי איז נישט דער ערשטער צו האָבן אַנדעקט דזשיין אָסטען און ״ליטל ווימען״. זי גראַפּלט זיך אויך נישט מיט פילאָזאָפישע חקירות און גיט נישט קיינע אייגענע הסברים אויסער זשאַוולאָנען פון דעם קריג און דעם חורבן, כאילו עס איז דער תירוץ אויף אַלע קושיות. די זכרונות געהערן אויף איין פּאָליצע מיט דייוויד פעלצער און דער זשאַנער פון שרעקליכע יוגנטן, ווי איידער די ווידוי פון אַ שנה ופירש צי די תפלת הדרך פון אינטעלעקטואַלע הולכי מדבריות און יורדי הים.

וואָס זי האָט זיך אָבער ביי אונז גוט איינגעזאַפּט און גיט עס איבער מיט קראַפט איז אונזער היימישע פאַרביסנקייט. אָט האָט איר אַ שילדערונג פון איר צוקונפטיקער שוויגער ווען מען האָט איר צום ערשטן מאָל ׳געוויזן׳ אין לאַנדאָווי׳ס גראָסערי (ז׳ 123):

> My future mother in law lies in wait in the paper goods aisle. She is a short, scrawny woman, with a shriveled face and lips so thin they look like a pencil mark smudged into her skin. My heart sinks a bit when I see she's wearing a *shpitzel*, wrapped flat and tight around her skull. A shiny gray satin kerchief with pink flowers embroidered all over it, folded generously at the base of her neck into a neat bow, ends trailing down her back... Her daughter – brown-skinned, mousy-haired – is even shorter than she is, with a square face and small, squinty eyes. Her canine teeth hook over her lip so that the tips are visible even when her mouth is closed. She stares at me without blinking. What is she thinking? I wonder. If I'm pretty enough for her brother? *What about you?* I think. *Who's going to marry you, looking like that?* I feel a faint sense of triumph in that thought and gaze back at her calmly.

אויף פיל פון די כאַראַקטאַרן מיט וועמען זי האָט צו טון האָט זי ענליכס צו זינגען און צו זאָגן. דער וואָס לערנט איר פירן א קאַר איז אַ ״גראָמפּ,״ די נוירס אין שפּיטאָל – קאַלט ווי אייז, דער דאָקטאָר – אָן געפיל, איר שווער – אַ פּראָסטער עם-הארץ, איר מנהלת אין שולע – אַ גראָבע אויסגעדראָשענע יענטע, און די מקווה-פרוי, נו, איז זי דאָך אַ מקווה פרוי און ממילא הותרה דמה.

איך האָף איר וועט מיר יעצט גלייבן אַז איך האָב מיך נישט פאַרליבט אין איר, אָבער אף על פי כן בין איך אַלץ אַ חסיד, און לאָמיך שוין זאָגן פאַרוואָס. וואָס זי דערציילט גאָר גוט איז אַ מעשה פון אַ מיידל פון אַ נעבעכדיקער היים, וועמען די גוטע אידן האָבן געוואָלט העלפן, די באַבע און דער זיידע האָבן איר אַריינגענומען אינדערהיים, די מומע חיה האָט איר געבאַלבאַטעוועט, דער פעטער האָט דאָס געהאַלטן און די מומע אַזוי, איר שיקן דאָ און קומען דאָרט, איר חתונה מאַכן מיט דעם און לעבן מיט יענעם. דאָס זענען אירע זכרונות. ווען זי זאָל זיין אַ ממזר וואָלט זי כאָטש געהאַט דעם כבוד פון אַ פּסוק צוליב איר אין דער תורה. איז זי אָבער צו איר מזל אַ טאָכטער פון אַ מאַמען וואָס אירע ׳זינד׳ האָבן ניטאַמאָל אַ געהעריקן נאָמען, און מחמת דעם איז איר טאָכטער אַ געהעריקער רשות הרבים. פון די גוטע אידן וואָס ציפּן איר באַק ווען דער טאַטע כיטשקעט אייער-קיכל ביים בעקער וואו ער איז דער משגיח, איר שוועסטערקינד וואָס פאַרזוכט איר צו פאַרגוואַלדיקן, ביז די מומע חיה מיט די אייז-בלויע אויגן.

איר בילד איז פון אַן עלנד מיידל אין אַ וועלט וואָס האָט פאַר איר נישט קיין פּלאַץ. ביים סדר צום באַבן און זיידן קומען אַלע אָן אין יום-טובדיקע קליידער מיט ״קורלערס״ אין די האָר, אָבער זי קומט נישט ווייל זי איז שוין דאָרט. זי איז די שוועסטערקינד וואָס וואוינט ביי באַבין, און מן הסתם טאָר מען נישט פרעגן פאַרוואָס. דער זיידע איז אָנגעשטאָפּט און ער וועט זיך לאָזן קאָסטן ביי באַום און מערסיער אויף אַ חתן-זייגער, אָבער אויף דערווייל מעג זי אָנקומען צום סדר אין געירשנטע קליידער. און אַלץ ווייל די מאַמע, דעם זיידענס שניר, האָט נישט געוואָלט וואוינען מיט אַ גייסטיש-קראַנקן מאַן - און פאַר דעם וועט מען איר אויך איינזאַלצן. מצוה גוררת מצוה, און משוגענע מאַמע גוררת משוגענער חתן. אין אַזאַ היים איז איר איינציקסטע טרייסט פרעסן די באַבע׳ס פאַרפרוירענער שאָקאָלאַד-מזונות ביים טיר פון דעם אייז-קאַסטן אָדער לייענען אַפּאָר ענגלישע ביכער באַהאַלטן טיף אונטער דער מאַטראַץ.

מיר זענען מיט אַזוינע געגאַנגען אין חדר און אין שולע. דאָס אינגל וואָס האָט געהאַט נעבעכדיקע עלטערן דאָס איז זי. דאָס מיידל מיט אַ ״משוגענער״ שוועסטער דאָס איז זי. די קינדער מיט רינעדיקע נעזער, די שיל קינדער וואָס זענען אייביק געווען אויף דער גאַס, די מיידלעך וואָס האָבן בייביסיט ביים גאַנצן שטאָט און זיך געדרייט אַלע שוועסטערס אינאיינעם צו שטיפּן איין וועגל מיט יענעמ׳ס קינד - דאָס אַלעס איז דבורה פעלדמאַן. נישט ממש,

נאָר הצד השווה שבהן אַז זיי זענען שטאָטס "נעבעך" ווען יעדער וויל העלפן אָבער קיינער וועט נישט רופן זייער'ס. זי איז די שוועסטערקינד וועמען מען האָט נאָר געזען אויף חתונות, דער שכן וואָס מען האָט געגריסט אַלס מצווה, די קינדער פון דער קנייטש-הוט וואָס איז פון ערגעץ אַריינגעפאַלן אין אַ חסידישע שיל. די אַלע פאַרטרעט זי.

און וואָס איז מיט דער "רציחה" פון אַ קינד וואָס פעלדמאַן שילדערט? און וואָס איז מיט אירע געמיינע שילדערונג פון איר אינטימען לעבן? זאָג איך, דער וואָס לייענט עס וועט זען אַז די מעשהלעך זענען ניטאַמאָל אַ טפל שבטפל. ווען איר ציל זאָל זיין צו באַשמוצן אונזער געמיינדע וואָלטן די וועלדער געוואָרן פעלדער און די מעשיות וואָלטן ווייטער געפליסט. איז עס דען נישט אמת אַז מיר פאַרענטפערן אַביוזערס מיט די תירוצים וואָס זי הערט פון איר מאַן אַז די עבירה איז גאָר נישט אַזוי האַרב? עס איז שווער זיך קריגן מיט דער מחברטע ווען זי שרייבט אַז אין דער תורה שטייט וועגן ליגן מיט אַ בהמה אָבער נישט מיט אַ קינד, ווייל עס שפּיגלט אָפּ אונזער צוגאַנג.

איז וואָס איז די תשובה פון דער געזעלשאפט צו אירע באַשולדיגונגען? נישט צו לייענען וואָס יעדער מיט אַ האַרץ קען זען, די קלעם פון אַ יונג קינד אויפגעצויגן מיט אַלטע זיידע און באַבע וואָס הייבן איר נישט אָן צו פאַרשטיין; אַ נייגעריק קינד וועמענס אפוטרופוס איז אַ מומע וועמענס קעלט האָט מיר געמאַכט זיך איבערציען מיט דער דאָכענע; נישט די פיינע משפּחה וואָס קומען איר באַזוכן ווי אין אַ בית יתומים און מאַכן איר אסור לבא בקהל אויסער פּסח נאַכט. די קריטיקער זענען טויב צו הערן דעם געוויין פון אַ מיידל וועמען דער חסידישער שוועסטערקינד וויל פאַרגוואַלדיקן; זיי וועלן נישט טראַכטן איבער אַ סיסטעם וואָס פּאָרט צאַם תזריע און מצורע ווייל דער טאַטע איז שטאָטס נעבעך און דער זיידע האָט אַ פּאָר דאָלער. ניין, די שאלה איז צי זי האָט געלערנט אין וויען צי אין סאַטמאַר און צי דער פיש האָט גערעדט ערב 9/11 צי מוצאי.

איך קען אפילו צולייגן: גייט מען טאַקע צו אַ באַשוי אין אַ שטריימל? קען מען דערקענען צי מ'איז אַ זאַלי אָדער אַן אהרוני פון דער קאַפּעליטש? הייבן זיך אָן הקפות אין סאַטמאַר נאָך חצות? מיר איז עס אָבער נישט מעלה ומוריד ווייל ניכרים דברי אמת. און דער אמת ליגט נישט אין אַ באַשטימטן אַדרעס אָדער דאַטום, נאָר אין אירע געפילן פון אַ סיסטעם וואָס איז אַוועקגעשטעלט אַז יעדער מוז זיין צוגעפּאַסט צו אַ געוויסן לעבן וואָס ווערט יעדן טאָג אַלץ קלענער, נידעריקער און שמעלער, און אָך און וויי צו דעם אויף וועמען מען קען צייגן, ארור שזו גדל ארור שזו ילד.

קענען מיר דען אַלע נישט דערציילן אַזוינע מעשיות? וועט איר לייקענען אַז אַזוינע עקזיסטירן? קענען מיר נישט אַלע שיינע פרישע מיידלעך און קינדער-פּנימער חתנים וואָס קוים אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה איז זי פאַרפּאָרעט מיט קינדער און זיין בויך און באָרד וואַקסן אָן אַ סוף? וואָס אפילו אַז זיי ווייסן פון בעסערס פאָרכטן זיי אַפילו דערפון צו טראַכטן? וואָס שפּייען בלוט און רעדן פון נחת? קענען מיר נישט אויך אַזוינע עמאָציאָנעלע סריסים ווי די מומע חיה וואָס מוזן תמיד אָנשטעלן אַ פּנים, און זייערע קראַפטן און ענערגיע גייט אַריין אין קאָנטראָלירן ביזן לעצטע האָר פון זייערע קינדער'ס פּיאות און אַז די שבת בענקלעך זאָלן שטיין ביים טיש גלייך צו אַן אויסגעמאָסטענער שורה?

ווען זי זאָל האָבן חתונה געהאַט און געבוירן אַ קינד יעדע אַכצן חדשים וואָלט זי געווען אַ נעבעך און קאָנפאָרמירט צו אַלע אונזערע סטיריאָטיפּן און פּאָראַויס-געפּסקנעכץ. ווען איר מאַן זאָל זיין אַ בעל פּרנסה וואָלט מען געזאָגט 'זי האָט זיך שיין אַהערגעשטעלט' און געשעפּשעט, 'דיד יו נאָוי הער מאָדער?' און ווען זי זאָל זיך נישט גאָלן, און אירע סימס זאָלן נעלם ווערן און איר קליידער עטוואָס קירצער און שמעלער ווערן, וואָלט מען אַרויסגעקאָפּעט אירע קינדער פון אַלע שולעס און צאַק צאַקט וואָס פאַר אַ וואוילער איד דער זיידע איז געווען און 'ממש אַ שאָד.'

נו, האָט זיך די גולמטע, די נעבעך, די קיילעכדיקע יתומה, די טאָכטער פון דעם משוגענעם טאַטן און אַ מאַמע וואָס ס'יז בכלל נישט דאָ אויף איר אַ וואָרט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אויפגעמאַכט דעם טיר נישט אויף אַריינצולאָזן אליהו הנביא נאָר זיך אַרויסצולאָזן און זיך געזעגענען מיט אַ הילכיקן שפוך חמתך. זי האָט געזאָגט זייט מיר אַלע געזונט. איך בין די פאַרשעמטע, איך ברענג אייך אַלע בזיונות אַז אייער בלוט דאַרף פליסן דורך מיינע אָדערן, וועל איך מיר גיין לחיים ולשלום און זיך אין אייך מער נישט אָנקערן. הערט איר, אַ וועלטס סקאַנדאַל.

מעז פעלדמאַן: עס קומט אייך שכר על הדרישה ועל הפּרישה און איר זענט א שליח ציבור פאַר די קולות וואָס מיר באַגנבנען פון אונזער יוגנט. ווי די ספרדים זאָגן: חזק וברוך! ❖

ליטעראַטור / א געשריי:

פון: חצי-עבד

# אוי, טאַטע

אוי גאט אין הימל, איך שריי און איך וויין צו דיר, פארוואס, פארוואס? די פראגע הילכט אפ עד לב השמים, איבער ימען און טאלן, איבער בערג און מדבריות, איבעראל שטייען פארווייטאגטע נשמות און שרייען, "פארוואס?" אין יעדער שפראך וואס איז פאראן, אין יעדן דיאלעקט; אלע וויינען, בעטן מיט ווייטאג, שרייען און פרעגן, פארוואס? יעדע רעליגיע וואס איז פאראן, יעדער קולט וואס איז אונטערן הימל, יעדע אמונה טפילה, אלע אנהענגער שרייען "פארוואס?" צי גייט דיך נישט אן די פענאמען, צי שטערט דיך נישט אז פינף טויזנט יאר שרייט מען און מען איגנארירט? צי נאגט דיר נישט דאס הארץ מיט געוויסנביסן איבער די טייכן בלוט וואס האבן זיך געגאסן בשעת די אומפארענטפערטע "פארוואס"-פראגע איז געבליבן הענגען אין דער לופט?

גאט אין הימל, א הארץ האסטו געשאנקען פארן מענטש, לויט די פסוקים דארף דאס פארנעמען צער און ווייטאג, אבער אהה, א קליין הארץ האסטו באשאפן, גאט; פיצינקע, כננס לגבי ענק — ווי קען אין דעם אריינגיין אזוי פיל צער און עגמת-נפש? "אנה יכנס כל הפשתן הזה?" האט שוין דיין עבד רש"י געשריבן טויזנט יאר צוריק.

האסטו משה רבינו'ן געענטפערט אז מען קען נישט פארשטיין דיינע מעשים, האסטו געוואלט אז מיר זאלן דאס נעמען פאר זיך אלס לימוד ומוסר, נישט פרעגן, נישט מוטשען, אמונה פשוטה, ס'איז גוט, מיר פארשטייען נישט, און קענען נישט פארשטיין.

אבער אוי געוואלד, א גוט געשעפט וואלט עס געווען ווען עס קען ארבעטן. קען

עס דען? דיינע חכמים האבן דאך לאנג צוריק דערקלערט דעם כלל אז מען פארמירט נישט א ״גזירה שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה.״ טא, גאט גרויסער, לויט די זעלבע חכמים היטסטו דאך די תורה, איז צו וואס מאכסטו אזא ערד-ארדענונג וואס מיר קענען נישט דולדן, אזא ווירטשאפט וואס מיר קענען נישט פארנעמען, אזא פירעכץ וואס האט שוין אזויפל פיין גורם גענוען, אזויפיל נערוועז-צוזאמענברוכן פאראורזאכט. צי הייסט דאס אז דער ציבור איז ״יכול לעמוד בה״? ניין, און נאכאמאל ניין! אזא וועלט איז קיין וועלט נישט. האסט אונז דא אראפגעשטעלט מיט פארשטאנד בין טוב לרע. צווישן מאראל און רשעות, און אויך, צווישן גוטע לעבנסערפארונגען און ביטערע. מיר קענען זייער גוט שפירן אויף אונזער הויט ווען עס גייט אונז גוט און ווען נישט, מיר ווערן דערהויבן אין עקסטאז ווען עפעס גייט אין א גוטער ריכטונג. פארוואס האסטו אונז געשאנקען די אינסטינקטן? אויף זיך צו קענען פייניגן? אויף צו רודפ׳ן דעם געוויסן? אז מיר זאלן זיך אפילו בטעות זיך נישט נארן אז די וועלט איז סוגה בשושנים?

די וועלט איז באשאפן געווארן, וויאזוי זי איז געווארן ווייסט קיינער נישט, אבער רעדנדיג צו דיר איז אבסורד צו נעמען אין באטראכט סיי וועלכן מהלך וואס שליסט דיך אויס. איך וואלט איצט ניטאמאל געטראכט אפילו פון דאאיזם, אלעס נאר דיר, טאטע – ווי קען איך דיר לייקענען ווען איך גיס אויס מיין איבערגעפילטן הארץ צו דיר. דו עקזיסטירסט דא, צווישן די פענע און פאפיר, צווישן מיינע פינגער און דעם קלאפטאוול, צו דיר וויל איך מיך אויסוויינען, צו דיר וויל איך דערציילן מיין תרעומות, צו וועמען דען? צו דער וואס האט מיך דערצויגן אין דיר צו גלויבן? ער וועט דאך מיר סייווי שיקן צו דיר; זאל איך גיין צו דער וואס ציט מיך אוועק פון דיר, די וועלכע האבן גענומען אין האנט דעם לאגיק וואס דו האסט באשאפן, און באנוצן זיך דערמיט קעגן דיר? זיי וועלן דאך מיר זאגן אז קיין חשבון עקזיסטירט נישט, קיין גאט איז נישטא, זיי וועלן מיר נאר אראפקלאפן אין תהום אריין, ארויסצאפן פון מיר דאס לעצט ביסל האפנונג. בלייבט מיר נישט קיין עצה נאר צו דיר צו רעדן.

אבער וויאזוי קען איך צו דיר רעדן? ווי א קינד צו א טאטע? זאל איז רעדן מיט ווייטאג, תרעומות, זיך טענה׳ן מיט דיר ווי מיט א בעל-דין, וועט גילטיג זיין וואס צדיקים האבן געזאגט אין דיין נאמען, ״אויב ווילסטו קלאר פארשטיין מיינע חשבונות, דאן וועל איך דיר דא ארויפברענגען אויבן, און דא וועסטו פארשטיין.״ ניין ניין, טאטע, איך וויל נישט ארויף, האסט דאך מיר געגעבן א לעבנסווילן, אן אינסטינקט פון איבערלעבן, איז צו וואס זאלסטו מיר סטראשען מיט אזעלכע בייזע געדאנקען. איי וועסטו זאגן אז איך זאל צו דיר רעדן כאיש לא ידע לדבר, ווי דעם עם הארץ וואס האט געלייענט אלף-בית פאר דיין כבוד, האט דאך דער בעל-שם-טוב אליין געזאגט אז יענער איז חשוב׳ער פון אים, ווייל ער, דער בעש״ט, וועט זיין ״מיט יענעם״ אין גן עדן. איז פארוואס האט דער בעש״ט נישט אנגעהויבן דאווענען אין יענעמ׳ס נוסח, פארוואס האט ער אליין נישט נאכגעמאכט דעם עם הארצ׳נס תמימות. משמע אז דאס קען מען נישט נאכמאכן, מען מוז דאס טאן מתוך א טיפן איגנאראנץ. מיין איך, טאטע, אז איך בין ארויסגעשלאסן פון דעם געשעפט, איגנאראנץ איז נישט מיין פאך, נישט דארט האסטו מיך אוועקגעשטעלט לויט מיין כאראקטער.

איז וואס בלייבט מיר איבער צו טאן? אפשר טאקע דאס, זיצן מיט פארמאכטע אויגן, שרייבן אנשטאט רעדן, דערשטיקן די טרערן מיט ספיקות, און די ספיקות מיט פחד פון דעם אמת. ❖

---

**פּאָעזיע** / אוניוווערסאַל און אומעטום:

פון: שלום בערגער

**א.**

אוניוווערסאַל  
איז גאָרניט חוץ  
בלוט און פּרעס  
געשלעכט און גאַל  
גלוסטעניש נאכ׳ן עבר  
מקום קבוע פון קבר

און דער שמייכל פון  
אַנטוישטע געפילן  
וואָס צעלאָזן זיך ווייך  
ווי דעפּרעסיע-פּילן

איבעראַל  
איז חלום באַנאַל  
און בלויז חורבן רעאַל

**ב.**

אומעטום איז די לופט  
וואָס יעדער דאַרף נייטיק האָבן  
חוץ שוועבל-פרעסערישע מיקראָבן  
אין אונטערוואַסערדיקע הײלן.  
פרעג זיי אויב דאָס דערשטיקט ווערן  
קען מען איבערזעצן  
אויף אַן אַנדער באַשעפעניש.

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.

מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.